START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Microfilmed 2005
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2005-1908.19

Kalmus, Ulrich.
Shmerle Trostinetser :
theater in dray akten.
Varsha,[1883].

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005- 1908.19

Kalmus, Ulrich.
Shmerle Trostinetser : theater in dray akten.
Varsha : [o.fg.], 643 [1883]
50 p. ; 19 cm.

1. Yiddish drama.--lcsh
I. Poland-Warsaw

ID : NXYH01-B18504 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /10463

Reduction ratio X 10.0

שמערלע טראסטינעצער

100

טהעאטער

אין דרייא אקטען

פערפאסט פון אולריך קאלמוס און אדעסס

(מחבר פונ'ם זעלטענעם בריה)

הזכות מכרתי לצמיתות לאחים ר' חיים
ור' פרץ בלאסניצקע

וואַרשא

שנת תרמ"ג לפ"ק

ШМЕЙРЕЛЕ ТРОСТИНЕЦЕРЪ

Комедіе Въ 3-хъ Деиствахъ

Сочиненіе Улриха Калмуса

Въ Типографіи И. О. Алапина

Налевки № 41.

Варшава 1883 г.

2/10463

שְׁמֶערֶלֶע
טְרָאסְטִינֶעצֶער

טְהעאַטֶער

אין דְרייא אַקְטֶען

Одесса 10 Января 1883 года

פֿערפֿאסט פֿון אולריך קאלמוס אין ארעסס

(מחבר פֿונ'ם זעלטענעם ברית)

הזכות מכרתי לצמיתות לאחים ר' **חיים**
ור' **פרץ** בלאטניצקע

ווארשא

שנת **תרמ"ג** לפ"ק

ש. פײַנער
YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH N.Y.
2/10463

ШМЕЙРЕЛЕ ТРОСТИНЕЦЕРЪ

Комедія Въ 3-хъ Действахъ

Сочиненіе Улриха Калмуса

Въ Типографіи И. О. Алапина
Налевки № 41.
Варшава 1883 г.

אן דיא לעזער!

געהערטעסטע לעזער! איך ווייס זייער גוט אז איר וועט דער זעהען דעם טיטעלבלאט אז דיא פארשטעלונג איז אין האצעלעי וועט איהר באלד פרעגען, וואס איז דעם פערפאסער קאלמוסען געפאלען גראדע האצעלעי!? נא? פרעג איך אייך ווא ווילט איר זאל זיין דיא פארשטעלונג אין מאסקווא? אין פעטערסבורג? וואס בין איך שולדיג אזו בעריש עקאטערינאסלאווער, אזא נגיד, האלט פאססעסיעס בזקא אין דער געגענד, אונ איז פערקראכען קיין האצעלע? נא; אדרבא, מאכט עס בעסער.

אונ זאגט מיר איך בעט אייך וואס זאל טאהן זיין פלימעניק דער אמעריקאנער מיליאנער? ער פארט פון אמעריקא, פון נייא-יארק צום פעטער, קיין אייראפא, ווא הין זאל ער פארן, קיין פעטערסבורג? אז דער פעטער וואונט פארט אין האצעלע.

נאר לעזט אט דאס ווערק וועט איהר זעהען וואס דער פון איז ארויס געקומען וויא פיל מענשען דא זענען גליקליך געווארען. אונ האט נישט קיין עגמת נפש, זיא בלייבען נישט אויף אייביג אין האצעלע, אט וועט איר זיא באלד האבען צוא נאכט אין אבעם. אונ זיא ווערין איינע פון דיא גרעסטע קאנטארען.

דער פראפעסער אולריך קאלמוס

Дозволено Цензурою
Одесса 10 Января 1883 года

פערזאנען

ר' בעריש עקאטערינאסלאווער. א גרויסער גביר א פאסעסער און אוועלטליכער מאן, ער האט זיך בזעצט אין "האצעלע".

דבארצי זיין ווייב אן אשת חיל און זייער א פרומע.

ראזע (רייזעלע) און קליארע (כלי) זייערע צוויא טעכטער, ביידע זענען בעריהמטע שיינהייטען. און זענען גבילדעטע קינדער פון היינטיגער וועלט.

ר' משה'לע ראזעס מאן א זיידען קינד, און א גרויסער מיוחס; ער איז דעם "יהופיצער" רבס אייניקעלע. א יונגערמאנטשיק א למדן, נאר דאס ווייביל וויל מיט איהם נישט וואוגען.

ר' נחמן גרינפעלד, א גרויסער סוחר, א וואלהענדלער, ער וואוינט אין דעם הויז וויא ר' בעריש עקאטערינאסלאווער איז פריהער גיזעסען, ער האט דם גיקויפט.

שיינדעלע זיין ווייב, א גרויסע בריה, א בעל-הבית'טע, און א חכמת.

ר' חיימיל קורלענדער, א גרויסער מיליאנער, א שיינער יונגער מאן. ר' בערישעס שוועסטערס א זונדעל, ער קומט צום פעטער צוא גאסט, פון אמעריקא.

הערר ראזענקראנץ א דאקטאר דער מעדיצין, א דורכרייזענדער. ער איז אויפן וועג קיין באט געווארען מיט ר' חיימלן. פאהרען זייא ביידע צוזאמען, ער פארט אויך צוא זיין פעטער.

א בריעפטריגער ברייננט ר' בערישן א בריעף.

דער האצעלער גאראדניטשע און זעקס דעסיאטניקעס.

א גרויסער עולם. דס גאנצע שטעטיל איז זיך צונויף גילאפען.

שמערעלע טראסטינעצער א שדכן. א בדחן; א טויזענד ראטהגיק.

ערשטער אקט

אין האצעלע

שבועות נאך דער מילעכדיגער סעודה, אין גארטען ביי ר' בערישען, אין דער בעסעדקע.

ערשטע סצענע

ר' בעריש, און דאס ווייב דבארצי.

ר' בעריש (זאגט צום ווייב) געלויבט איז גאט! אלדינג איז זייער גוט. מיר זענען ב"ה זייער רייך, און אלע מאל ווערט אונזער פערמעגען גרעסער, מיר לעבען זייער שעהן, קיין גנאף קען אויך בעסער נישט לעבען, וואס פעהלט אונז!? געלד האבען מיר דאנקען גאט גענוג, הייזער, און שעהנע גערטענער האבען מיר אויך, קארעטעס און זייער שיינע פערד. קינדער האט אונז דער וואס לעבט איבעריג אויך געגעבען זייער שיינע. און נעטע און קלוגע. דאס איז א מתנה פון דיין ליבען נאמען. אלדינג איז ב"ה זייער גוט. נאר! וואו איז דער נחת; וואו איז דער תענוג פון קינדער? אט וועט ווערען אי"ה תמוז פיר יאהר אז ראזע לעב האט חתונה געהאט. און זיא איז נאך ביז איצט א בתולה! פון דעם ערשטען טאג אן האט זיא איהם נישט געוואלט קענען, און מען טאר איהר איהם נאר נישט דער מאנען. וואס קען ווערין דער תכלית? און מיט וועמען טוהט מען א שידוך מיט קליארע לעבין?

דבארצי. ווער איז דען מעהר שולדיג וויא דוא אליין? ווא האט מען גיהערט אין דער וועלט אז מען זאל קינדער געבין אנדערע נעהמען? פלוצלינג הייסט ביי דיר רייזעלע "ראזע". און דיא קליינערע. כלי, הייסט נאר "קליארע", פלוצלינג איז דיר גיפעלען אז דוא זאלסט זיא לאזען לערנען רוסיש, און דייטשעריש, און

אונ פראנצויזיש ! דאס איז נאך ווייניג ; האסטו זייא געקיפט איין טאפטשאן (א פארטעפיאן) אונ א גאנצען טאג זיצע זייא אונ טוהען גישט מעהר נאר זייא צימבלען אונ זינגען. עס קען עפיס גוטס ארויס קומען פ׳ן אזויגע זאכען ? דוא זאלסט אבער מיך גיוועזן לאזן זייא מדריך זיין, וואלט דער צוא נישט געקומען, איך וואלט מיינע טעכטער גילערנט דאס וואס מיין מאמע — אט מיך גילערנט, אונ וואס דיא באבע האט מיין מאמען גילערנט. א יודישע טאכטער דארף קענען א זאק ארבייטען, א זאק פערמערעזשין. קריינדעלעך העפטען, אונ דארף וויסען בעל הבית שאַקיט, דיא קוה מעלקען, פוטער אוים שלאגען, פעדערין פליקען, פאדעם וויקען. אונ טאקע אויך אליין שפינען, אונ דארף קענען מיט דער ווערעטענע דרעהען, פרייטאג דארף זיא לכבוד שבת דעם פריפיטשיק פערשמירען. אט דאס דארף קענען א יודישע טאכטער. דאס איז געטהיג ! וואס טויג מיר א טאפטשאן ? וואס ניצט דס זינגען, אונ דאס שפרינגען ? אנבאי איז שוין פאר איר משהלע קיין מאן נישט. גלויב מיר, וויא איך בין א יודיש קינד ! אז זיא קוקט שוין ארויס (נישט מיט מיין מויל גירעט) אויף א גלוח ! זיא שעהמט זיך גאר ארויס צוא זאגען.

ר׳ בעריש. האב איך דיר דען דאס פריהער נישט געזאגט ? האב איך דיר דען נישט געזאגט אז זיא וועט מיט משהלען נישט זיצען ? האט זיא דען נישט געזאגט בפירוש אז זיא וויל איהם נישט ? נאר דוא האסט זיך איין גישפארט, האט זיא דיך צוא ליב געטאן, דוא ביסט א מאמע.

דבארצי. זאג מיר איך בעט דיך וואס פאר א חסרון האט זיא אין משהלין ? וואס פעהלט איהם ? ער איז זייער איין שיינער יונגער מאן. מיט געגריילטע פייעלעך אז עס איז מחיה ; ער איז דאך א ביידען קינד ! אונ לערענט וואול וויא דיא וועלט. גאנץ האצעלע קוקט אויף איהם ארויס, לאז ער זיך נאר מיטען וויבער צנויף געהן, ווערט ער באלד רב. נאר איך האב זיך דיר שוין געזאגט, ווער ווייסט וואס זיא האט אין זינן ; בעסער זאל איך עס גאר נישט דער לעבען. אונ קיינער איז נישט שולדיג נאר דוא ; אונ פון וואנען דאס האט זיך גענומען, דאס איז זיכט דוא האסט אן גיהויבען צו פארען קיין אדעס. פריהער אז דוא פלעגסט דעם

ווייץ צו שיקען צוא דייגע קאמיסיאנערין, אונ דוא ביסט גיוועזן א הייסישער. איז ביי מיר גיוועזן א יודיש הויז, אונ א כשרה שטוב. נאר זינט דוא האסט אן געהויבען צוא פארען בעונותינו הרבים קיין אדעס. איז געווארין איין איבערקעהרעניש. אונ עס וואלט נאך ערגער גיוועזן אז איך זאל דיך גיוועזן צו הערין, העמאלט ווען דוא האסט גיוואלט אריין קיין אדעס, אונ ווערין א׳ין אדעסער ; חלעבען אז דוא וואלסט שבת גיגעסען א פרישע יוך. אונ צום באוועגען וואלסטו דיר געהייסען לכבוד שבת איין שפאגען דיא קארעטע. דוא וואלסט שוין גיט געוואלט גיין צו פוס אין שול אריין. חלעבען אז דוא וואלסט שוין איצט גיוועזן איין א פיקורס גלייך מיט אלע אפיקורסים ימח שמם זאלען זייא ווערין.

צווייטע סצענע

א בריעפטרעגער אונ דיא פריהרינע

דער בריעפטרעגער (גיט אפ ר׳ בערישען א בריעף)

ר׳ בעריש (תתמית אויף אונ לייענט דעם בריעף) פה ק״ק חארקאב שנת תרר״ם לפ״ק :

ידידי הרבני הנגיד הגביר מוה׳ **בעריש** עקאטרינעסלאווער נ״י !

איך שרייב אייך א גוטע בשורה ! איר זאלט וויסען אז ביי מיר איז איין געשטאנען איינערס א פלימעניקיל, איינער שוועסטערס א זוהן, ער פאהרט פון אמעריקא אונ ער איז א גרויסער מיללייאנער. איר וועט אים אנבאי נישט דער קענען. ער איז איין אמתר ענגלענדער, אונ זייער א שיינער יונגער מאן ; ער האט מיר דער צעהלט אז ער איז שוין זעכצעהן יאהר פון אייך אוועק, אונ איצט וויל ער אייך מיט א מאהל איבער ראשען. ער זאל אן קומען נאר אומגירעכט. נאר אזוי וויא מיר זענען אלטע גוטע פריינד. שרייב איך אייך בסוד דיא בשורה, כדי אז איר זאלט זיך נישט פאר גרוים פרייד איבער שרעקין. איצט וועט איהר זיך שוין אויף איהם רעכענען וועט זייא דיא שמחה נאך גרעסער זיין.

יותר אין לחדש הכ״ד ידידו מאז, לייבצי סטעמפעל מחארקאב הער

פער עפעס נייעס דבארצי, אונזער חיימיל קומט צוא פארען פון אמעריקא אונ ער איז א גרויסער מיליאנער, אונ ער וויל אונז איבער באשען. ער קומט צוא אונז אומגירעכט. דיא טעג בארף ער זיין ביי אונז אין האצעלע. אז עס איז יא אזוי, לאמיר איהם בעקלערהרען.

דבארצי. וואס זאגסטו ?! חיימיל סערעלים! וויא איז ער גיוועזן ערגיץ נאר מעבר לים! אונ ער איז גיווארען א גרויסער מיליאנער? א מעהר זעה, דיא גאנצע צייט האט ער זיך גאר נישט געלאזט הערין. עס איז שוין א יאהר פופצעהן זעכצעהן אז ער איז אוועק. מען האט געוואוסט אז ער וועט א מאהל זיין אייגער אין דער וועלט. צו ער איז פון אונז אוועק איז ער מעהר נישט אלט גיוועזן וויא א יאהר פערצעהן פופצעה אונ מיט וואס האט ער זיך אוועק גילאזט אין דער וועלט אריין? מיט צוויא הונדערט רובעל. אונ איצט איז ער א מיליאנער געווארין! מען האט דאס פריהער געוואוסט. ער האט זיך געוויזען פאר א גרויסען חכם, ער האט דעם פאטערס קאפ אויף זיך.

דא וועט ווערין א גדולה אז ער וועט דער זעהן ראזע מיט קליארען. ער האט זייא איבער געלאזט קליינע קינדערליך, אונ ער האט זיא זייער שטארק ליב געהאט. איצט וועט ער זייא שוין גאר נישט דער קענען.

ר׳ בעריש. אז עס איז יא אזוי רוף אריין דיא קינדער וועל איך זייא זאגען דיא בשורה, אונ לאזען זייא זיך מכין זיין, וויא אזוי מען זאל אזא טייערען גאסט אויף נעמען.

דריטע סצענע

ראזע, קליארע, אונ דיא פאטער אונ מוטער.

ראזע מיט קליארען (קומען אריין) טאטעניו! וואס רופסטו אונז? עס איז עפעס נייעס. דו האסט בעקומען א פרייליכען בריף?

ר׳ בעריש. קינדערליך. מיר וועלען איה״ה דיא טעג האבען גאר אומגירעכט

אומגירעכט זייער א טייערען גאסט. ווייסט איהר וועמען? אונזער חיימיל סערעלים קומט צוא אונז פון אמעריקא. זעכצעהן יאהר האבען מיר איהם נישט גיזעהן. אונ מען האט פון איהם נישט גיהערט. אונ איצט פאהרט ער צוא אונז צוא גאסט; אונ אזוי וויא מייגער איין אלטער בעקאנטער שרייבט מיר, איז חיימיל געווארין א גרויסער מיליאנער, גאט האט איהם בעגליקט, אונ ער איז א גרויסער חכם. דאס האט מען ארוים גיזעהן אז ער איז גיוועזן א יונגעל. ער האט גיהאט זייער א טייער קעפיל.

ראזע מיט קליארען; נא! אונ פון איהם אליין האסטו אויך מקבל גיוועזן א בריעף אז ער קומט צוא אונז?

ר׳ בעריש מיט דבארצין (ביידע גיין) ער וויל אונז איבער באשען, ער זאל גאר אן קומען פלוצלינג אומגירעכט. דאס איז אקעפיל.

ראזע מיט קליארען; אז עס איז יא אזוי וועלען מיר איהם ווייזען אז מיר זענען אויך קיין נאראנעם נישט. מיר וועלען איהם שוין אב פאסען ביי דיא טרעפ, אונ מיר וועלען צוא איהם אקעגען גיין מיט בלומענקרענצליך. באלד וועלען מיר הייסען דעם משרת, אז ער זאל דיא טרעפ אפ וואשען. אין זאלל מיט דיא נייע קילימום (טעפיכין) אוים שפרייטען, אונ ער זאל פון ביידע זייטען טרעפ אוים שטעלען דיא בלומענטעפ. אונ אלע שטיבער זאל מען אויף פיטצען אזוי וויא אויף א חתונה. וועט ער איבער באשט ווערין פון וואגען מיר האבען געוואוסט אז ער קומט.

דבארצי; זייער גוט קינדערליך. געהט שוין היכף אונ טוהט אזוי וויא איר האט גיזאגט פערלירט נישט קיין צייט. ווארום ער קען אן קומען אומגירעכט.

ראזע מיט קליארען; מיר געהן שוין זעהן אז עס זאל אלסדינג געברבאכט ווערין אין דער בעסטער ארדענונג.

(ביידע געהן אוועק)

ר׳ בעריש; (זאגט צו דבארצין) וואס פרעגסטו? דא וועט זיין א שמחה; אז דיא וועלט וועט אויף זיין.

פערטע סצענע

ראזע מיט קלארען געהן ביידען משרת אין אלע שטיבער און זעהען אז אלסדינג זאל זיין אויף געפוצט.

ראזע; (זאגט צו קלארען) קלארע לעב; איך ווייס נישט וואס דאס איז, זינט דער טאטע האט אונז געזאגט אז חיימיל קומט צוא אונז צוא נאכט קלאפט מיר דאס הארץ. וואס דאס איז, קען איך נישט פערשטעהן.

קלארע; אז דיר קלאפט דאס הארץ, קען גאר עפעס אנדערש זיין. דוא האסט איין אומרוהיגען לעבען, דיר ליגט אין קאפ משהלע. דוא ווייסט אליין נישט וואס דוא זאלסט טאהן, צוא זאלסטו דיך מיט איהם צוגויף געהן, צוא דוא זאלסט נאך אזוי זיצען. האסטו אין קאפ א דולינגיש, וואס קלאפט מיר דאס הארץ? דאס האב איך דיך געוואלט פרעגן.

ראזע. ווער ווייסט וואס דאס איז?.

קלארע. עפעס האב איך געהערט וויא דיא מאמע האט גירעט אין יענער שטוב מיטען טאטען פון דיר. און דער נאך האבען זייא פון מיר אויך גירעט.

אפשר וויל דיא מאמע מיך אויך אזוי פערקלייערין וויא דיך. איך ווייס?

ראזע. נא; וואס מיינסטו? עס איז טאקע שלעכט; אז זיא האט בייא איהם דיא גאנצע דעה, וואס זיא זאגט איז גוט; און וואס זיא וויל טוהט ער איר צוא ליעב. עס איז נאך מעהר חידוש, הער; דער טאטע זאל לעבען איז א גילערענטער מאן, און איין וועלטליכער מענש, און איז א גרויסער חכם; טויזענדער מענשין בעטען זיך מיט איהם עצות. און זיא איז א פראסטע יודענע פון דער אלטער וועלט. און דא הערט אויף בייא איהם די גאנצע חכמה; קוים שפארט זיא זיך עפעס איין, בלייבט עס אזוי וויא זיא וויל. ער מעג זיך אפילו אויפען בוידעם שטעלין; איך זאג דיר דעם אמת; מיר וועגין שיין. אונגליק, און גירעדט. מעגין מיר זיך ווינשען הלואי מיר זאלען טרעפען אזעלכע מאנען. אז זייא

זאלען אונז אזוי הערין אלסדינג אזוי וויא דער טאטע הערט זיא, צוא קלוגער מאן; צוא חכם.

קלארע; זאלסט וויסען אז ער איז א אוהב, און דערינען בעשטעהט טאקע דיא גאנצע חכמה, דער מיט וואס ער טוהט איהר אלסדינג צוא ליעב. וואס דען זאל ער מיט איהר טאהן? ער זאל זיך מיט איהר טאג און נאכט קריגען? איצט; ביי די יארען; און אז מען האט שוין דייטשע קינדער? טוהט ער איהר בעסער אלסדינג צוא ליב, און פערשטעהרט זיך נישט דאס לעבען. און שפעטער אז עס קומט אויס שלעכט, דארף ער שוין ניט שרייען. ווייזט ער איר, איהר פעהלער.

ראזע. יא; דוא ביסט גירעכט, עס איז אזוי! נאר ביז זיא זעהט ארויס איהרע פעהלער דארפען מיר דער ווייל פאר שווארצט ווערין.

קלארע. ווייסטו וואס איך וועל דיר זאגען? קיין נביאה בין איך נישט. נאר; עס דארף עפעס נייעס פאר קומען. עפים זאגט מיר מיין הארץ, נאר איך ווייס אליין נישט וואס.

ראזע; אפשר וועט חיימיל דיך געהמען; מען קען וויסען; אפשר איז דאס דיין זיווג.

קלארע. פאר וואס געפעלט דיר נבאד אז ער זאל מיך נעמען? אפשר וועסטו איהם גיפעלין; אפשר איז ער נאר דיין זיווג.

ראזע; דוא רעדסט וויא א קינד, וויא קען ער מיך נעמען אז איך בין פערבונדען מיט דעם טייערין זיווג?

קלארע; אה ווס, דערויף זענען מיר יודישע קינדער; און דערויף איז בייא אונז יודען דא א גט; מענשין וועלען זיך אביין לייגען אז ער זאל דיך גטין, און דוא וועסט קומען צוא דעם וואס דיר איז בעשערט, דאס איז גאר נישט קיין נייעס. מיר האבען שוין אזעלכע זאכען גיזעהען. ווייסטו וואס ראזע? לאמיר זיך א ביסעל דיא צייט פערטרייבען, זעטץ דוא זיך ביים פענסטער און קוק נוט, טאמער וועט עמיצער צוא פאהרען צוא אונז, כדי אז מיר זאלען נישט פערזעהען, און איך וועל מיך זעטצען צום קלאפיר דוא וועסט זינגען דאס נייע ליעד, און איך וועל שפילען

דיא מעלאדיע וואס מיר האבען צוא געפאסט (קלארע שפיעלט פיאנא, אונ ראזע זינגט).

ראזע זינגט

אז א מיידעל וויל א כלה ווערין
דארף זיא זיין ציכטיג אונ שטיל,
א מאמע מוז מען הערין.
אונ געמען ווען זיא וויל.

*

צוא געפעהלט ער איהר יא צוא ניט
דארף זיא קיינעם נישט זאגען.
וואס א מאמע טוהט דארף זיין גוט
מען טאר פאר קיינעם נישט קלאגען.

*

ער מעג זיין בלינד אונ שטום,
טארסטו נישט זאגען אז עס איז שלעכט,
ער מעג זיין הארבאטע אונ קרום.
דארף פאר איהר זיין רעכט.

*

אז דער מאמע איז געפעלען
קען דער טאטע נישט וועהרין.
ער מעג זיך אויפען בוידעם שטעלען
וויל זיא איהם גישט הערין.

*

אונ גבך מוז ער איהם געבין
דיא גאנצע וועלט מעג לאכען,
אונ אז דאס פאר פאלק וועט ניט לעבין,
ווער מאכט זיך פון אזעלכע זאכען ?

*

א טייערע תתונה ווערט געמאכט
גרוים צרטיג, אונ זייער שיין.
אונ דאס האט קיינער נישט בעטראכט,
וואס עס וועט שפעטער פאר געהן.

*

דיא איז געבעהר געבליבען זיטצען
ביי איהרע פאטער אונ מוטער,
קען עפים דיא לעבען נוטצען ?
איהר איז געגעך פינסטער אונ ביטער.

*

נאר! ווער דיא האפנונג פערליהרט
דער טאר נישט האפען אויף קיין גליק
ווארום דאס גליק א'יין פיהרט,
ווידער צום גליקליכען אונגליק.

*

אלסדינג קומט מיט דער מינוט
צוזי וויא דער זייגער שלאגט,
אונ פון דעם שרעקליכען ווערט ווידער גוט
דיא נאכט גייט אוועק. אונ עס טאגט.

*

אונ עס קען שוין נישט זיין שלעכט
ווייל אויף איין מאהל קומט דאס גליק.
עס קומט נאר אומגערעכט!
אונ דאס גוטע קומט ווידער צוריק.

דער פאר האנג פאללט

צווייטער אקט

(נאפען באהנ-האף אין טארנאב, אין וואגאן 1-טער קלאסע)

ערשטע סצענע

ר' חיימיל קורלענדער, אונ דער דאקטאר דאזענקאנץ

דער דאקטאר; בעסטער הערר! דארף איך זיא בעטען אום איין פאפיראס?

ר' חיימיל קורלענדער; מיטען גרעסטען פערגעניגען! לייִדער אבער, קיינע פאפיראס, וואנדערן איינע ציגארע; פון דעם בעסטען פאבריק. (ער גיט דעם דאקטאר א ציגארע אונ ער פאר רויכערט).

דער דאקטאר; וואהרהאפטיג! זאלכע ציגארען בעקאמט מאן היער ניכט. ניכט אום קיינעם פרייז;

ר' חיימיל קורלענדער; שמעקען זיא איהנען? איך ביטטע; היער האבען זיא איין גאנצעס דוצענד. (ער גיט איהם א שוץ ציגארען)

דער דאקטאר; ליבער הער! איך דאנקע טויזענד מאהל, אונד ווינשע איהרע ווערטהע בעקאנטשאפט. וואהער קאממען זיא? אונד וואהין רייזען זיא, ווען איך פראגען דארף?

ר' חיימיל; ליבער פריינד; זיא ווערדען פערצייהען, וואלען וויר מיט איין אנדער גאנץ פערטרוילך שפרעכען. אונד

דאמיט

דאמיט וויר אונגעשטערט ווערדען פאן די מיטרייזענדע, שפרעכען וויר דיא געווענליכע יודישע שפראכע (ער ווינקט אויף איהם) זיא פערשטעהען מיך פריינד!?

דער דאקטאר; נאך וויא אזוי; אונ עס איז מיר זייער אנגענעהם אז איך האב געטראפען גראדע אזא מיטרייזענדען, דאס מיר וועלען קענען רעדען פריינדליך. איצט וועלען רעדען גאנץ פרייא אזוי וויא צוויא ברידער. ערשטענס וויא הייסט איהר, אונ פון וואנען פאהרט איהר, אונ וואו הין פארט איהר?

ר' חיימיל; איך הייס חיים קורלענדער, אונ איך קום פון אמעריקא, איך פאהר צוא מיינע פריינד נישט ווייט פון אדעס אין א שטעטיל האצעלעי.

דער דאקטאר; וואס איז אייער פאך? האט איהר דארט שטודירט, אונ פאהרט צוא אייערע פריינד אויף הילף, אז איהר זאלט קענען אייער פאך אין פראקטיק אויס איבען?

ר' חיימיל (צו לאבט זיך) גוין פריינד; איך דארף ניט חס ושלום קיין שום הילף, מיר האט גאט געהאלפען אז איך קען טויזענדער מענשען בעהילפיג זיין, איך דארף גיט ח"ו צוא קיינעם. איך האב אין אמעריקא מיינע אייגענע פלאנטאציען, אונ האב א חוץ א גרויס באנקער געשעפט, ארום מיר לעבען טויזענדער פאמיליען, מיין פערמעגען בעטרעפט פיעל מיליאנען.

דער דאקטאר; זענט איהר פון אייראפא אוועק קיין אמעריקא מיט א גרויס קאפיטאל?

ר' חיימיל; יא! איך האב מיט געבראכט קיין נייא-יארק צוואנציג טאהלער, אונ בין אלט געווען דעמאלט פופצעהן יאר, אונ אז דיא עטליכע טאלער האבען זיך אויס געלאזט, האב איך איינגעטרעטען אין דיענסט אין א קאנטאר אלס געהילפע ביי דעם בוכהאלטער, אונ שפעטער מיט דרייא יאהר בין איך געווארען בוכהאלטער, ווייל יענער איז געשטארבען, אונ נאך אין פינף יאר ארום, האט מיין פרינציפאל (דער בעל הבית) מיך צוא גענומען אלס קאמפאניאן צום געשעפט, אונ מיר האבען איינגענע פלאנטאציעס פון באומוואלע, אונ פון ווין, חוץ אונזער קאנטאר געשעפטען פון פאפירען.

דער דאקטאר ; נאט זייא באנק ! עס פרייד מיך זעהר אז א יונגער קען אזוי ווייט ברייננע; אז מיט צעהן פינגער זאל מען ווערין א מיליאנער. איך וואלט מיר געווינשען צו זיין דערביי ווען איהר וועט קומען צום פעטער דארט וועט זיין א שמחה.

ר׳ חיימיל ; נא, פריינד; איצט ביטע איך זיא, מיר דיא עהרע צוא מאכען, איהר ווערטהען נאהמען, פון וואנען איהר זענט, אונ וויא אהין איר פאהרט, אונ וואס אייער פאך איז ?

דער דאקטאר ; ליבער פריינד; איך מוז אייך זאגען אז איך בין נישט קיין מיליאנער. אונ איך פלאג מיך שוין אכטצעהן יאהר. איך קום פון „דרעזדען” איך האב דארט שטודירט, אונ איך בין איצט דאקטאר דער מעדעצין, אונ האב מיין דעפלאם איך היים „ראזענקראנץ” אונ איך פאהר קיין אדעס. דארט האב איך צוויי רייכע פעטער, אונ ער איז א געבילדעטער מאן, האפע איך אז ער וועט מיר בעהילפיג זיין אז איך זאל דארט קענען מיין פראקטיק אויס איבען.

ר׳ חיימיל ; ליעבער פריינד ! אז עס איז יא אזוי וועלען מיר צוזאמען פאהרען צוא מיין פעטער קיין „האצעלע” דארט וועלין מיר זיך עפליכע טעג אויף האלטען, אונ דער נאך וועלען מיר אין איינעם אריין פאהרען קיין אדעס.

דער דאקטאר ; זעהר שעהן. עס פרייד מיך זייער וואס איך בין אזוי גליקליך צוא טרעפען אויף דער רייזע אזא טייערען מענשענפריינד. אין דעם אזוי וויא זייא פלוידערין ביידע איז דער צוג אן געקומען קיין „האצעלע”.

צווייטע סצענע

(אין דער סטאנציע אויפען באהנ-האף עטליכע ווערסט פון האצעלע)

דער דאקטאר ראזענקראנץ, אונ ר׳ חיימיל קרעלענדער

דער צוג איז געבליבען שטעהן, דיא פאסאזשערם זענין ארויס פון דיא וואגאנם, אין וועגעלעך זענין צוא געפאהרען אז זייא זאלען מיטנעמען דיא פאסאזשערם אין נאכט אריינער.

ר׳

ר׳ חיימיל (זאגט צום דאקטאר) נא ! איצט וועלען מיר נעמען אונטער באגאזש אונ וועלען אויפלייגען אויף א ברישקע. אונ מיר וועלען פאהרען צום פעטער.

דער דאקטאר ; זייער גוט. דער ווייל האט זיך געמאכט איין אומגליק. א קינד פון א יאהר זיבען איז אונטער געלאפען אונטער א וועגעלע האט איהם דאס פערד מיטען פום א קלאפ געגעבען, איז דאס קינד געבליבען ליגען. אז דער דאקטאר האט דאס דער זעהען, האט ער גרוים רחמנות בעקומען אויפען קינד, זאגט ער צוא ר׳ חיימלין ; ליעבער פריינד ! איך מוז דא בלייבען אויף אפאר שעה ביז איך וועל דעם קינד געבען דיא נעטהיגע הילפע. מען מוז דעם אומגליקליכען קינד זעהען צוא העלפען, דאס איז מיין פפליכט אלס דאקטאר. פארט איהר אריין אין שטעדטעל אין א גליקליכער שעה צוא אייער פעטער אונ איך וועל באלד אן קומען.

ר׳ חיימיל ; פריינד ! עס איז מיר זעהר לייד וואס מיר קענען נישט צוזאמען אריין פאהרען. נאר אז עס איז גראד פאר געקומען איין אומגליק ביא א קינד אונ איר זענט אזוי פריינדליך אונ ווילט דעם קינד העלפען, איז עס פון אייער זייט זייער שעהן, אונ איך ווינש אז איהר זאלט דעם אומגליקליכען קינד העלפען. אלע מיטעל וואס איהר וועט אנווענדען זאל אייך גליקען. אדיע ! הערר דאקטאר ! איהר וועט אן קומען צום פעטער. (ער הייסט אויף לייגען זיין באגאזש אונ פאהרט גלייך צום פעטער קיין „האצעלע”; דאס איז האט ער נים גידענקט.

דריטער אקט

אין „האצעלע"

(בייא ר' נחמן גרינפעלד, — אין דער פריה 7 א זייגער פערפאהרט א וועגעלע מיט א יונגען מאנן)

ערשטע סצענע

דער אמעריקאנער, און ר' נחמן.

ר' חיימיל קורלענדער שפרינגט אראפ פון דעם וועגעלע, און לויפט אריין גלייך צום פעטער אין הויז אריין, אלע דירות וועלכע איהם באקאנט זיינען. ער קומט אריין אין דער ערשטער שטוב, ער טרעפט קיינעם נישט. ער גייט אין דער אנדערער שטוב. עס איז קיינער נישטא. ער געהט דורך דעם זאל, און קומט אריין אין דער ספאלניע (אין שלאפצימער) זעהט ער דער אלטער ר' נחמן ליגט און שלאפט מיטען פנים צוא דער וואנד, און א תהילים'ל, מיט א טאבאק פישקעלע ליגט אויפען טיש. געהט ער צו שטילערהייד, און נעמט אן דעם צלטען בייא דעם אקסעל, פעטער! פעטער! איהר שלאפט? (דער אלטער ווארפט זיך דורך און שלאפט ווייטער. טארעט ער איהם ווידער פעטער; איהר שלאפט?

ר' נחמן; (גיט זיך א ווארף) וועלכע רוחות טראגט עס אזוי פריה!
וועלכע שווארצע יאהר! קיין רוהע גיט מען מיר נישט
און קעהרט זיך אום מיטען פנים צוא דער וואנד, און שלאפט
ווייטער.

ר' חיימיל (שארעט איהם ווידער) פעטער! פעטער; עס איז שוין אכט
א זייגער שטעהט אויף! איך בין עס אייער חייטיל;

ר' נחמן (האט דער הערט, קעהרט ער זיך אום, און גיט א קוק,
זעהט ער אז עמיצער שטעהט לעבען איהם. גיט ער איין
געשרייא) ווער איז עס!?

ר' חיימיל (זעהט אז ער זיצט שוין זאגט ער צוא איהם) נאט איז
מיט אייך; דאס בין איך, פעטער; איך חיימיל!

דער אלטער פעטער ר' נחמן זעפענט דיא לאדען פון דעם פענסטער, זעהט ער וויא איינער שטעהט לעבין איהם גיט ער א געשרייא) וואס פאר א פעטער בין איך דיר? ווער ביסטו?

ר' חיימיל גיט א קוק זעהט ער אז דאס איז נישט זיין פעטער
ר' בעריש דאס איז נאר א פרעמדער. טראכט ער זיך אפשר האט ער זיך טועה גיוועזן. און ער האט נישט ניטראפען אין פעטערס הויז אריין. ער וועט ארוים געהן און וועט עמיצען פרעגען ווא דעם פעטערס הויז איז. לאזט ער איבער דעם אלטען ר' נחמן, און לויפט געשווינד דורך אלע שטיבער, ארוים אין דרויסען צום וועגעלע.

ר' נחמן גיט אקוק אויף דער וואנד, זעהט ער אז זיין גאלדען
זייגעריל איז נישטא ער קוקט זיך ארום אויפען טיש, זעהט ער אז דיא זילבערנע לייכטער זענען אויך נישטא. לויפט ער איהם נאה מחילה אין העמד, און אין דיא הויזען, און שרייט געוואלד! א גנב! און האפט איהם א' און האלט איהם. אויף דעם געוואלד זענען זיך צונויף געלאפען מענשין כחול הים.

דער עולם; וואס איז? ר' נחמן; וואס איז פאר א נייעס? וואס האט
זיך בייא אייך געבראפען?

ר' נחמן שרייט צום מעהתיל וואס איז געקומען פון דעם הויף פון
דיא פערד, ער האט זייא חאבער גיגעבען, האלט איהם דעם גנב; לאז איהם נישט אפ, ער האט מיך בעגנבית. מיין גאלדען זייגעריל, און דיא זילבערנע לייכטער. און ווער ווייסט וואס נאך עס פעהלט? איך וועל מיך ערשט ארום קוקען. לאז עמיצער ברייגען דעם גאראדניטשע מיט א זעקס דעסיאטניקים. דאס איז נישט קיין פראסטער גנב, קוקט איהם נאר אהן; האט ער ניט קיין פנים פון א פאמעשטשיק (א גוטסבעזיטצער) ער געהט אויף אלע פינגער אין טייערע פינגערליך, און זעהט וואס פאר איין טייערע זייגער מיט א גאלדענע קעטע ער געהט אן ניטאן; אי! דאס איז א לאנד גנב; און דאס האבען מיר צוא דאנקען דעם באן. איך האב אייך דאס פריהער געזאגט! אז כל הרוחות, און כל הצרות, וועט דער באן אן ברענגען. ווען וואלט "האצעלע" דער

לעבט צוא זעהען אזא טייערען גנב ווען נישט דער באן? (ער קעהרט זיך אום צום אמעריקאנער) זאגזשע דיא גנב, וואס איז דיר געפעלען גבאד „האצעלע"? א מעהר וואלסטו געפארען קיין אדעם, דארט זענען דא א סך גנידים. ביא וועמען האסטו דא צוא מאכען גישעפטען. מיר זענען אין גאנצען צווייא גנידים אין שטעטעל, איך בין איינער. אונ ר' בעריש עקאטערינעסלאווער איז דער צווייטער. אבער ווייטער, איז ליטער ארעמע לייט, קבצנים; דא האסטו זיך נישט ביא קיינעם צוא פאזשיווען.

ר' חיימיל (לאכט אונ זאגט) איך וועל נאך זיין ביא ר' בעריש עקאטערינעסלאווער אויך, אונ אין אדעם וועל איך אויך זיין.

ר' נחמן (זאגט צום עולם) נא! דאס איז א גוטער גנב; אונ ער זאגט דעם אמת, איהר הערט? ער וועט נאך זיין זאגט ער ביי ר' בעריש עקאטערינעסלאווער אויך. אונ ער וועט אין אדעם אויך זיין. ער רעד גאנץ ריין. נא! נעמט איהם אריין אין שטוב אריין ביז דער גאראדניטשע וועט קומען. מיט אזא כתור וועלען מיר זיך אפ רעכענען. דער משרת געהט צוא איהם צוא אונ זאגט איהם, קומט זייט מוחל אין שטוב אריין, איהר וועט שוין האבען אייער פסק. זיי גייען אריין צוא ר' נחמנין, אין דרויסען שטעהט אדעולם אז דיא נאס איז בעלעגערט. מען הארט אויפען גאראדניטשע. איטלעכער איז נייגעריג צוא זעהען דעם סוף וואס דא וועט זיין. אזא גנב; אין אזעלכע טייערע מלבושים, אונ מיט אזעלכע טייערע רינגען אויף דיא פינגער, האט באמת טאקע האצעלע נאך נישט גיזעהען.

צווייטע סצענע

(ביא ר' בעריש עקאטערינעסלאווער אין הויז עס פערפאהרט א וועגעלע מיטען דאקטאר)

דער דאקטאר „ראזענקראנץ". ר' בעריש מיטען ווייב, אונ ביידע טעכטער.

ראזע מיט קלארען האבען געקוקט דורך דעם פענסטער, האבען

זיא

זייא דער זעהען אז עס איז צו געפארען א וועגעלע מיט א שיינעם יונגען מאן, מן הסתם איז דאס חיימיל. לויפען זייא איהם ביידע א קעגען. אונ ווי זייא האבען איהם גאר דער זעהען. זענען זייא איהם ארום געפאלען ארום דעם האלז, אונ קישען איהם אן אין עק. אונ האבען איהם געתאפט. ביידע אונטערדין ארום. קום אונזער טייערער גאסט צום טאטען. דער טאטע מיט דער מאמען האבען שוין א פאאר טעג אויף דיר. זייא קוקען אויף דיר ארויס. (זייא פירען איהם אריין אין זאאל)

ר' בעריש. לויפט איהם א קעגען אונ תאפט איהם ארום אונ קושט איהם אונ האלזט איהם. אונ דאס ווייב דבארצי חאטשע זיא איז א פרומע פאלט ארום אונ קושט איהם. אונ האלזט איהם מיטען גאנצען הארץ. אונ דער אלטער ר' בעריש זאגט צו איהם. זעהסטו; דוא האסט אונז געוואלט איבער נאשען אז דוא זאלסט אן קומען גאר פלוצלינג אומגירעכט. איז עס דיר נישט געראטען. מיר האבען שוין געוואוסט פון אכט טאג אז דוא קומסט צו אונז.

דער דאקטאר איז געבליבען זיצען אויסער זיך. ער האט אין דער התחלה נים גיקענט פערשטעהען וואס מען איט ניט אפ אזא גרויסען כבוד. האט ער זיך עפעס בארעגקט אז דא מוז זיין א טעות, זייא מיינען אז ער איז זייער פלימעניק חיימיל. זאגט ער צום אלטען. ליבער הערר; איך זעה אז עס איז אן אירטהום (א טעות) איהר דענקט אז איך בין אייער פלימעניקיל.

דער אלטער ר' בעריש לאזט איהם גאר נישט רעדען. אונ פאלט איהם אריין אין דיא רייד. הער גאר אוים בחוריל; דיינע אלטע שטיקעלעך געהען שוין אצונד נישט אן. דיא חכמות געהען שוין נישט. ער גיט א געשרייא לאז מען אריין ברייגען קאווע מיט פוטער געבעקס; דער משרת האט באלד אריין געבראכט דיא קאווע, אונ אלע האבען זיך גענומען צום פריהשטיק.

דריטע סצענע

(בייא ר' נחמן גרינפעלד אין שטוב)

ר' נחמן, דער משרת, ר' חיימיל קורלענדער, דער גאראדניטשע. מיט זעקס דעסיאטניקעס אונ ר' נחמנס ווייב מיט דער דינסט. אונ אן־עולם;

דער גאראדניטשע קומט אריין אונ פרעגט וואס דא האט זיך געטראפען.

ר' נחמן ווייזט אויפ'ן גנב, אונ דער דערצעהלט וויא אזוי עס איז געוועזען, אונ וואס פר אזאכען ער האט געגנבית.

דער גאראדניטשע געהט צוא ר' חיימלין, אונ הייסט זיך ווייזען דעם פאס זעהט ער זייער פיל פעטשאטען (וויגעלן) אונ עס איז אלסדינג ריכטיג. אין דעם קומט אז ר' נחמנס ווייב מיט דער דינסט פון דעם מארק, אונ דער זעהט פון ווייטען אז דאס הויז איז בעלעגערט מיט מענשען. האט זיא געמיינט אז עס איז חס א שרפה איז זיא געשווינד צוא געלאפען.

שיינדעלע (לויפט צוא מיט א געוואלד) וואס איז דא אזעלכעס? לאזט מיך אריין אין שטוב אריין, גיכער! וואס איז דא אזוינס! וועה איז מיר! זיא קומט אריין זעהט זיא דעם גאראדניטשע מיט זעקס דעסיאטניקעס, אונ דעם יונגען מאן, אונ אגרויסען עולם. וואס זענען זיך אן געלאפען. פרעגט זיא דעם מאן נחמן: וואס איז דא א זוינס? זאג מיר גיך; ווארום איך האלט עס נישט אויס.

ר' נחמן. וואס דאס איז;? זעהסטו דעם יונגענמאנטשיק. איין פאמעשטשיק; א יא? דאס איז א לאנגר גנב! דוא ביסט אוועק געגאנגען מיט דער דינסט אין מארק אריין, אונ דער משרת איז געוועזען בייא די פערד, האט ער אפ געפאסט, אונ האט זיך אריין געהאפט צוא מיר אין ספאלניע אריין. אונ האט אראפ גענומען פון דער וואנד מיין זייגעריל, אונ די זילבערנע לייכטער, אונ מיר האט ער איבער געלאזט דאס תהלימיל מיטען טאבאק פישקעלע.

חער

חער נאך מער עזות פון אגנב! ער איז צוא מיר צוא געגאנגען, אנ נעמט מיך, אונ שרייט פעטער! שטעהט אויף! אונ ער איז באלד צוגעלאפען. בין איך איהם נאך געלאפען מחילה אין דיא תחתונים, אונ האב איהם געכאפט, אונ האב געמאכט א געוואלד איז מען זיך צונויף געלאפען, אונ איך האב געשיקט נאך דעם אחן; איצט וועט ער וויסען וואס קארגען נילט.

שיינדעלע (דער הערט דאס זאגט זיא) אלדע בייזע חלומות צוא מיינע שונאים'ס קעפ. וואס ביסטו זיך אן געבאלען אויף איין פרעמדען מענש? הם ווילסטו פון איהם האבען? אט איז דיין זייגעריל, מיט די לייכטער; זיא עפענט דיא קאמאדע אונ געהט ארויס. אונ שטעלט אויפען טיש, אונ זאגט, דאס האב איך בעהאלטען אז איך בין געגאנגען אין מארק אריין, ווארום איך ווייס דיין טבע, אז נאך דעם תהלים זאגען פערשלאפסטו זיך, קען מאקע באמת קומען א גנב, אונ זאל עס צוא געמען, זיא גייט צו. צוא ר' חיימלין אונ זאגט איהם. יונגער מאן! מיר בעטען אייך איבער, מיין מאן האט א גרויסען פעהלער געמאכט, נאר ער איז אויך נישט שולדיג. נאר עס איז מיר א חידוש, וויא קומט איהר אהער? בייא אונז איז גישט קיין גאסט הויז.

ר' חיימיל (צו לאכט זיך, אונ פרעגט זיא) זאגט מיר איך בעט אייך, קענט איהר דא איינעם ר' בעריש עקאטערינעסלאווער; לעבט ער?

שיינדעלע. אויב מיר קענען ר' בערישען? ער איז אונזער בעסטער פריינד. ער לעבט, אונ ער איז א גרויסער גביר, אונ ער האט זייער שיינע צוויא טעכטער. בעריהמטע שיינהייטען! איינע איז נאך א בתולה, אונ די עלטערע האט שוין חתונה געהאט. נאר זיא וואנט נישט מיטען מאן. ער איז א חסידיל א לערנער. אונ זיא איז שטארק גילערענט, אונ שפילט אויפען קלאפצימער (כליאפיר) זיא איז א ווייביל פון דער היינטיגער וועלט.

ר' חיימיל. אבער דאס הויז איז ר' בערישעס? איך האב מיך נישט טועה גיוועזן? אמת; עס איז שוין זעכצעהן יאהר אז איך בין פון דאנען אוועק.

שיינדעלע

שיינדעלע. דאס איז געוועזן זיין הויז. האט ער עס אונז פאר קויפט; אונ ער האט זיך געמאכט א טייערן מויער, אונ ווייער א טייערן גארטען. ער בעזיצט איין וואהנונג צוזוי וויא א גראף. זיינע שטיבער מעגען שטעהן אפילו אין אדעס.

ר' נחמן גייט צו, צום נאראדניטשע. אונ ערצעהלט איהם אז עס איז געוועזן א טעות. אונ בעט איהם איבער. וואס ער הט איהם מטריח געוועזן.

ר' חיימיל לאכט, אונ גייט אויך צו צום נאראדניטשע, אונ דאנקט איהם. אונ געזעגענט זיך מיט אלע, אונ פאהרט צוא, צום פעטערס הויז. דער משרת האט איהם אן געוויזען ווא דאס איז.

פערטע סצענע

(בייא ר' בעריש עקאטערינעסלאווער אין הויז)

ר' חיימיל, ר' בעריש מיטען ווייב, ביידע טעכטער אונ דער דאקטאר.

ר חיימיל הייסט אראפ טראגען דיא באגאזש, אונ געהט אריין גלייך צום פעטער אין זאל. טרעפט ער זייא ביים פריהשטיק געהט ער צוא צו גוטען מארגען פעטער! א גוטען מארגען מומע! (אונ געהמט דיא האנד ביים דאקטאר) גא פריינד; האט איר א גוטע אויפנאהמע? דער אלטער מיטען ווייב. אונ דיא טעכטער קוקען אויף איהם גאנץ קאלט.

דער דאקטאר (זאגט צו ר' בערישען) זעהט איהר מיין העררו אט דאס איז אייער פלימעניקעל. אט דער יונגער מאן. נישט אזוי?

ר' בעריש (צום דאקטאר) הער נאר אוים חיימיל! דיינע אלטע שטיקעלאך קען איך; איך האב דאך דיר שוין איין מאהל געזאגט אז עס וועט דיר שוין נישט העלפען קיין שום חכמות. דו מיינסט אז דוא האסט אפ גירעט מיט א פרעמדען יונגען מאן אז ער זאל אונז איין רעדען. אז נישט דו בּיסט עס. וועט נאר אונז רעדט זיין?

דער דאקטאר (צו לאכט זיך, אונ זאגט צו ר' חיימלין) זעהט זיא פריינד! וואס דא געהט פאר. עס איז זייא נישט אוים צוא רעדען. עס העלפט נישט קיין שום מיטעל! זייא זאגען נאר, אז איך בין זייער פלימעניקיל, נאר זאגט מיר פריינד, וויא קומט עס וואס איר זענט שפעטער אהער געקומען פון מיר? איהר זענט דאך פריהער פון מיר אריין געפאהרען אין שטעטיל. אונ איך בין דארט געבליבען א גאנצע שטונדע ביים פאציענט?

ר' חיימיל (זאגט צום דאקטאר) איהר ווייסט נישט וואס מיט מיר האט פאסירט. עס איז ווירקליך א קאמעדיע! מיך האט מען געפאקט, אונ מען האט מיך פערהאלטען אלס גנב. עס איז אויך געוועזן א טעות. א קובאט אזוי וויא דא. (ער קעהרט זיך אום צום פעטער) פעטער; באמת טאקע אז איהר האט מיך שוין נישט דער קענט? איהר קענט נית אייער שוועסטער קערעלים זוהן? איהר דער קענט נישט אייער פלימעניק חיימיל וואס איז בייא אייך אין שטוב אויף געוואקסען געווארען? אונ אז דיא מאמע זאל לעבען. אונ זייא זאל אייך זאגען אז איך בין עס ווארט איר. איהר אויך נישט געגלייבט?

ר' בעריש בלייבט עפיס זיצען וויא בעראשט, אונ זאגט. איך זאג אייך דעם אמת איהר זענט ביידע צווייא יונגע קינדער. אזוי וויא איין אלטער. איהר זענט ביידע זייער שיינע יונגע-לייט, אונ איהר קענט ביידע זייער שיין רעדען. אדרבא; זאגט מיר דעם אמת. ווער פון אייך ביידע איז דאס אמתדיגע חיימיל;?

ר' חיימיל (צו לאכט זיך אונ זאגט) באלד וועט איהר זעהן ווער עס איז דאס אמתדיגע חיימיל. ער גייט צו צום טשומעדאנן אונ שליסט אויף אונ נעמט ארוים צווייא בונד פעריל, אין יעדען בונד איז זעקס שניר פעריל, אונ בייא יעדען בונד איז געווען אין דער מיט פון פיין גאלד אזוי וויא א בראשע גרוים. אונ אין מיטען איז גיזעסען א טייערער שטיין אזוי וויא א פלאם גרוים. אונ עס איז געווען גבאווירט דער נאמען אויף "יודיש" אויף איינעם "ריזעלע" אונ אויף דעם אנדערן "בלי" אונ איז צוא גינאנגען צוא דיא טעכטער. אונ זאגט נאט קינדער; אט דאס איז אייך מתנות אונ ער נעמט אראפ פון זיינע פינגער צעהן טייערע רינגען. אונ שענקט

ווייא יעדען צוא פינף רינגען. א״נ זאגט נאו זאגט אייצט. ווער איז דאס אמתדיגע חיים׳ל ?!

דאזע מיט קלארען (כיידע אויף א מאהל) פאלען איהם ארום דעם האלז
אונ קושען איהם אהן א־סוף. אונ דער פעטער
מיט דער מומען. עס ווערט א נייא געקושעבייא. אונ קלארע מיט
דאזע גייען צוא צום דאקטאר וויא פאר שעהמט אונ בעטען אים
פערצייהען וויא וואס מיר האבען אייך בעליידיגט. מיר האבען
געמיינט אז איהר זענט חיימיל.

דער דאקטאר ; חס ושלום ! איהר האט מיך נישט אויסגערעסטען
בעליידיגט, איך וואלט מיר געווינשען אז מען זאל
מיך אלע טאג אזוי בעליידיגען. אז שעהנע מיידליך קושען איז דען
א בעליידיגונג ? פערקעהרט ; איהר קענט האבען צו מיר א פראטענציע
אז איך זאל אייך אפ געבין צוריק אזוי פיל קיש, וויא פיל איהר
האט מיר געגעבען. דיא קינדער בלייבען שטיין רויטליך אונ ביא
דעם טיש ווערט א גילעכטער.

ר׳ חיימיל (רופט זיך אהן) הערר דאקטאר ! דאס וועט אויך באלד זיין.
איהר וועט מוזען אויסקלערען נאך מער קוש וויא פיל מען
האט אייך געגעבען. ווייסט איהר וואס פריינד ? איך וויל זיין איין
שדכן אז איהר זאלט נעהמען קלארעטשקין, אונ איך גיב מזומן
פופציג טויזענד רובל. א חוץ וואס דער פעטער וועט געבין נדן.

ר׳ בעריש (רופט זיך אן) אונ איך גיב אויך פופציג טויזענד רובל.
אונ א שעהנער פאריזער קארעטע מיט א פאר שייערע
פערד. אונ אחר מותי בלייבט מיין גאנץ פערמעגין זייא, די צווייא
טעכטער מעהר האב איך קיינעם נישט.

ר׳ חיימיל (זאגט צו קלארען) קלארע לעב ; ווילסטו נעמן דעם דאקטאר ?!
מאכען מיר תיכף א ווארט.
קלארע (ווערט רויט אונ לאכט)
ר׳ חיימיל נעהמט ארויס זיין טיכעל, אונ גיט איין עק דעם דאקטאר,
אונ דעם אנדערין עק קלארען, אונ נעמט ארויס פון דער
טאש א פאר שאלען אונ צוא ברעכט, אונ עס ווערט א געשרייא

מזל טוב ! פעטער ! (זאגט ר׳ חיימיל) טאקע היינט זאל זיין אין איין
גוטער שעה דיא חתונה. פיר א זייגער זאל מען לאזן שטעלען די
חופה. ווארום אין א פאר טעג ארום וועלען מיר אביין פארען קיין
אדעס צום דאקטארס פעטע.

ר׳ בעריש (זאגט צום ווייב) וואס זאגסטו אלטעטשקע ; ? ווילסטו עס
קענען אויס פיהרען ? מען דארף און גרייטען עסען. אונ
דיא משקה. אונ דעם עולם פערבעטען.
דבארצי. יא ! עס איז היינט זומער. א טאג א יאהר ; נאר איך וויל
מיט חיימלין א פאר ווערטער רידען בעזונדער.
דער אלטער ר׳ בעריש (צו לאכט זיך) אה ; דוא האסט שוין סודות מיט
חיימלין. נא, גייט אביין אין יענער שטוב. אונ שמועסט אייך
אויס (ביידע געהן אריין אין דער אנדערער שטוב אריין)
ר׳ חיימיל. וואס איז געוועז מומע ? אפשר גיפעלט אייך נישט דער
שידוך ; גלויבט מיר ! אז קלארעטשקי איז גליקליך וואס
זיא וועט איהם האבען פאר א מאן. איך האב איהם אויפגען וועג
אזוי קענען גילערינט, אז איך קען אייך זאגען אז מען מוז זוכען אין
דער וועלט אזא פיינעם מענש.

דבארצי. חס ושלום ! דאס קומט מיר נאר אפילו נישט אויף דיא
געדאנקען. דוא מיינסט אן אמת ווייל איך בין איין אלטע
יודענע בין איך קיין מבין נישט אויף א שיינעם יונגען מאן ? . איך
מיין נאר עפיס אנדערש ; ווייסטו וואס איך וויל דיך בעטען ; איך וויל
אז דוא זאלסט זיך אביי לייגען אין שלום, אז דאזע לעב זאל זיך
צונויף קומען מיט איהר מאן. וועט שוין זיין דיא שמחה אין גאנצען.

ר׳ חיימיל, אך ! זייער פיין, דיא קאמיסיע נעהם איך אויף מיר ;
שלום מאכען צווישען א פאר פאלק איז דיא גרעסטע
מצוה. ווייסטו איהר וואס מומע ; שיקט בעטען משהלען אויף דער
חתונה, אונ אז ער וועט דא זיין וועט שוין רעכט זיין.

דבארצי. נא גוט ; בלייבט עס אזוי. ביז פיר א זייגער וועט שוין
אלסדינג פערטיג זיין. אט שיק איך באלד נאך דיא
מארקווערינס, אונ שיק רופען דעם שוחט. באנקען נאט עופות איז
דא. הינדיקעס, געגז, קאטשקעס, אונ הינער איז דא גענוג. אונ

דיא משקה איז ברוך השם אויך דא. אונ פיש װעט מען טאפען אין טייך, איך װעל ביז פאר נאכט אלסדינג צוא שטעלען. נאר װער חיימיל, דוא זאלסט מיר צוא ליב טאהן. (זייא קעהרין זיך אום צוריק אין יענער שטוב אריין).

ר' בעריש. נא; האט איהר זיך שוין אפ געסודעט?

ר' חיימיל. מיט דבארצין (בידע) דאס איז אונזער זאך, עס װעט שוין קענען זיין מיט גאטס הילף.

פינפטע סצענע

נאכמיטאג פינף א זייגער װענין זיך צונויף געקומען אלע פאססעסערס פון דער סביבה. מען האט צו זייא געשיקט ע'סטאפעטען אז זייא זאלען קומען אויף דער חתונה, אונ אלע האצעלער בעלי הבתים װענין געקומען, אונ שמערעלע טראסטענעצער, האט זיך געצאװעט מיט די כלי זמר. אונ ר' משהלע ראװעס מאן איז אויך געקומען:

ר' בעריש. לאז מען אביין בריינגען דיא חופה! מען בריינגט אביין דיא חופה, אונ מען פיהרט חתן כלה צוא דער חופה.

דיא כ"י זמר שפילען, דער עולם טאנצט אונ שמערעלע שרייט צוא דיא כלי זמר, שפילט פרעהלעכס; אונ ער שטעלט זיך לעבין פאר פאלג אונ קוקט צום חתן צום דאקטאר (אונ זינגט)

שמערעלע זינגט

מיין טייערער דאקטאר העדר ראזענקראנץ:
איהר האט אכלה דיא שענסטע אין דער װעלט,
איצט װעט איר ערשט אביין קומען אין גרעכטען גלאנץ
װייל איר האט א גרויס פערמעגין מיטן געלד.

•

אנדערע מענשי װענין אויף דורך דיא געכט,
אונ קלערין װיא מען געמט צוא פערמעגין.
אונ אייך איז עס נע יומען נאר אומגירעכט.
דאס גליק איז אייך אליין געלאפען אנטקעגין.

•

אונ דאס איז געטאהן געװארין אזוי געשװינד,
אלע געסט האט מען אויף א זאהל צונויף געבראכט,
דאס האט אן געארבעט איין איינגען געשװעסטער קינד
איהם צוא ליב האט מען באלד חתונה געמאכט.

•

אונ דיא שיינע קלארימשקי איז געװארין בעגליקט
נאר אומגירעכט, אין איין אונגליק.
גאט אליין האט איהר דעם זיװג צוא געשיקט,
אונ עס איז פאר איידע דאס גרעסטע גליק.

•

דער דאקטאר געהט צו, אונ ניט שמערעלין
אין א פיזיקיל א גוזן רעגדליך. שמערעלע זינגט
װייטער, אונ דיא כלי זמר שפילען

•

מיינט נים אז איהר גליק בעשטעהט דערינגע
װאס ר' חייטיל האט געגעבען א סומע געלד.
זיא איז דער מיט גליקליך װאס זיא האט געפינען
צוא מייערע זאך װאס איטלעכען געפעלט.

•

זיא דארף ניט האבען קיין הילף פון קיינעם.
איהרע עלטערין זענען אביי זייער רייך.
דער עיקר איז, זיא דארף האבען איינעם.
דאס עס זאל זיין פאר ביידע גלייך.

*

און דאס האט זיא א קרבאט געטראפען.
גאט צליין! האט איר דאס צוא געשיקט.
דאס גליק איז איהר נאך געלאפען.
און פלוצלינג זענען ביידע געווארין בעגליקט;

*

וואס האט מען דא פיל צוא קלערין?
איהר ביידע וועט אודאי גליקליך אפ לעבין.
און שמערעלע וועט מן הסתם בעפרידיגט ווערין.
זיין רח"ש וועט מען איהם בכבוד אפ געבין.

*

(דער דאקטאר ניט שמערעלען נאך צוויא טוץ רענדליך. דיא מוזיק שפילט און שמערעלע מיטען עולם הוליען. אלע טאנצען. עס איז זייער פריילעך)

דער פאר האנג פאללט

ראזע האט דער זעהען איהר בעשערטען, איז זיא בזווישען יא, און ניין, אוים געטריקענט געווארען. זיא האט זיך פערקליבען אין דער דריטער שטוב אריין. און האט זיך גיזעצט לעבען דעם עלטערנעם בריח'

חיימיל קוקט זיך ארום זעהט ער אז ראזע פעהלט, גייט ער זיא זוכען, ער קומט אריין אין דער שטוב ווא זיא זיצט

זעהט

זעהט ער אז זיא זיצט אונ לעזט א בוך. פרעגט ער זיא וואס לעזט דוא ראזע לעב, עפיס א שיינע געשיכטע? עס איז אין דער יודישער שפראכע;

ראזע (ענטפערט איהם) חיימיל! אך; דוא זאלסט דאס לעזען; עס איז א טעאטער! דיא וועלט עקט זיך דער סוף. איך וויל דיר עס אין קורצען ערקלערען, וואס דער סוזשעט איז. אן אלטער מאן פון אכציג יאהר האט גיט דאס ווייב, אונ ער האט איהר איין גערעדט אז ער וועט זיא צוריק געמען. אונ דער ווייל האט ער מיט זיך א שדוך געטאן פאר א יונגער בתולה פון אכצעהן יאהר. האט איהם אבער זיין זוהן זייער שיין בעקלעהרט. אז עס איז געקומען צום בעדעקינס, האט ער דיא אלטע מוטער אן גיטאן אין דער אלהים חופה־קליידער דער פאר האט ער דיא כלה בעפרידיגט, אז זיא זאל זיין איינפערשטענדיג אונ אז מען האט דעם אלטען אריין געבראכט אז ער זאל באדעקן דיא כלה, האט ער געמיינט אז ער באדעקט דיא בתולה, אונ דאס איז גאר גיווען אין א גוטער שעה למזל טאקע זיין אלטע חאליעווע.

חיימיל (לאכט) עס איז ווירקליך זייער א שיינע פארשטעלונג, ראזע לעב; וועסט עס מיר שפעטער געבין וועל איך עס דורך לעזין. האסטו נאך עפיס שענערס צום לעזען?

ראזע. יא! איך האב פון דעם געמעלדעטען פערפאסער נאך איין ווערק, הייסט עס "דער לעבעדיגער יתום" זאלסטו זעהען וואס דארט טוהט זיך. וויא א מת איז אהיים גיקומען אקוראט צום יארצייט, אונ האט זיך אליין אן געצינדען זיין יאהר צייט לעכט, אונ ער האט נאך דעם באוועגען געטרינקען לחיים! צום עולם. אונ עס איז דא אין דעם געמעלדעטען ווערק איין ערציילונג פון א כלה וואס זיא האט נישט געוואלט דעם חתן דער פאר ווייל ער הייסט צדוק לאקש' דארף מען זיך בייא דיא זייטען האלטען פאר לאכען אז מען לעזט עס.

חיימיל. נאך דער חתונה וועל איך דיך בעטען, ראזע לעב; וועסטו מיר געבין ביידע ווערק וועל איך זיי דורך לעזען.

ראזע. מען האט מיר צוא גיזאגט צוא לייהען פון דעם געמעלדעטען פערפאסער פון "קאלומבוס" א נייא ווערק, א טעאטער

און

אין 5 אַקטען. עס הייסט „דער קאַזיסאַנער“ זאָגט מען אַז עס איז אַ מייסטערשטיק, עס איז זייער בעריהמט. איך וועל וועהן אַז איך זאָל עס בעקומען.

ר' חיימיל. ראָזע לעב! קומט אַריין אין זאַל צייא דא קעמט, (אין דעם קומט אריין דיא מוטער).

דבארצי. ראָזע לעב; וואָס פאַר שטערקסטו אַ שמחה;? פלוצלינג ביסטו אַנטלאָפען. זאָג מיר פאַר וואָס?

ראזע. פאַר וואָס? מחמת דו ווייסט גאָר גאָר נישט. זאָג מיר מאַמע! ווער האט געשיקט נאָך דעם אַנטיקעל? וואָס טוהט דא דער חניאק;?

ר' חיימיל. (רופט זיך אהן) ראָזע לעב! ווייסטו ווער עס האט נאָך איהם געשיקט? איך; איך וויל צווישען אייך שלום מאַכען, אונ אַז דו וועסט דרויף בעשטעהן גיב איך דיר אויך אַזוי פיעל אַקוראַט וויא קליאַרמשקען פופציג טויזענד רובל במזומן. אַט היכף, נאָך פאַר זאָרעס, ביסטו הערות מרוצה?

ראזע. נישט אַזוי פופציג טויזענד רובל! גאָר, ווען דו זאָלסט מיר אַוועק געבען אַלע דיינע מיליאָנען. וועל איך עס נישט טאָן. איך וויל איהם אַפילו נישט אָן קוקען. זעהסטו חיימיל; אויב דו ווילסט מיך גליקליך מאַכען? זאָלסטו זיין אַזוי גוט אונ זאָלסט זעהען אַז איך זאָל פון איהם אויף געבונדען ווערין. וועל איך וויסען אַז דו האָסט מיך בעגליקט. גאָר עס איז זייער אַ שווערע זאַך, מען האט שוין גענוג דער פון גירעט. אונ ווייסטו ווער עס איז שולדיג? גאָר דיא מאַמע; זיא אַרבעט מעשים, זיא וויל אַז איך זאָל נאָר איהם האָבען פאַר אַ מאַן; אונ איך שווער דיר חיימיל, ביי אַלעם אין דער וועלט; וואָס נאָר הייליג איז, אַז ווען איך זאָל וויסען מיין גאַנצע וועלט צוא פאַר שפּילען, איהם; וויל איך נישט קענען, איך וויל איהם אַפילו נישט אָן קוקען.

ר' חיימיל. נאַ; אַז דו זאָגסט אַליין אַז גאָר וויל ער דיך נישט, אונ דיא מאַמע דער לאָזט אויך נישט דער צו, וואָס קען איך דער צוא העלפען?

ראזע; עס איז דא איין עצה. איטלעכע מכה האט אַ רפואה!

ווייסטו

ווייסטו חיימיל וויא אַזוי מען וועט דאָס מאַכען אויס פיהרען? דאָ איז פאַר האַנדען צווישען עולם אויף דער חתונה איינער איין שטערעלע, מען רופט איהם „שמערעלע טראַסטענעצער“ ער איז אַ שדכן, אונ אַ בדחן, אַ שלימזל, אַ דרייקאָפּ, אַזוינס דאַרף מען זוכען וויט אין דער וועלט, ער וועט עס מאַכען נייטער קיינער נישט, מען דאַרף איהם נאָר צוא זאָגען אַ נוטע רח"ש, נעהם אים אַוועק אין דער זייט אַז דיא מאַמע זאָל נישט זעהען, וועסטו זעהען וויא ער וועט מאַכען אַז עס זאָל ווערין היינט אַ גט.

ר' חיימיל. נאַ! און וואָס נייט דאָ? ווייז מיר איהם נאָר אָן וועל איך מיט איהם רעדען. וואָס קען מעהר זיין? מעהר מיט עטליכע אימפּעריאַלען; זאָל ער בעדינגען.

ראזע. איך באַרף איהם דיר אַפילו נישט אָן ווייזען, דאָס איז דער וואָס ער האט געזונגען צוא דער חופה.

ר' חיימיל. אַט דער בדחן; דאָס איז דאָס שטערעלע?

ראזע. יאַ; אַט דאָס איז ער! ער איז אַ טויזענד־דאָלאַרניק, איין שלאַק פון דער וועלט!

ר' חיימיל. אַט גייא איך שוין מיט איהם איבער רעדען. עס וועט שוין רעכט זיין. (ער גייט אין זאל אריין צום עולם, אונ הינקט צוא שטערעלען)

זעקסטע סצענע

ר' חיימיל קורלענדער. אונ שמערעלע טראַסטינעצער

שמערעל. (גייט צו איינעם ווינק צו ר' חיימלין) וואָס ווילט איהר מיר עפּים זאָגען ר' חיימיל!

ר' חיימיל. קומט מיט מיר אין יענער שטוב אַריין, איך האָב מיט אייך עפּים צוא רייעדען, אונ איהר וועט דער צוא נישט צוא ליידען (ביידע גייען אין דער אנדערער שטוב אריין)

שמערעל (זאגט צו ר' חימלין) אַ נאַ! וועל איך טרעפען? אַ נאַר איז אַ האַלבער נביא! איהר ווילט אַנבאַי אַז איך זאָל אַרבייטען אַז עס זאָל אַ שלום ווערין צווישען ראָזען מיט ר' משהלען? דיא

ממע

...טע האט מיך שוין אויך דאס גיבעטען.

ר׳ חיימיל. יא; א ביסעל האט איהר געטראפען, נאר נישט אין גאנצען. איך וויל מיט אייך ריידען מאקע פון דעם פאר פאלג, נאר נישט אויף קיין שלום. איך האב שוין אליין אויך גענונג ניהעט דער פון מיט ראוען. איז עס אזוי מעגליך: אזוי וויא מען קען ברענגען דעם הימעל צוא דער ערד. וואס דען דארף מען טאהן? דא מוז מען ארבייטען אז ער זאל איר גט געבין. אונ אזוי וויא מען האט מיר געזאגט, וועט דאס קיינער נישט קענען מאכען נאר איהר. אונ אז איהר וועט דאס אוים פיהרען. געב איך אייך פאר אייער ארבייט תיכף במזומן הונדערט האלבע אימפעריאלען ווער גיט איהם פינף פעקעליך צו צוואנציג שטיק נאדרי.

שמערלע נעמט ביא ר׳ חיימלין דיא האנד אונ גיט איהם אקוש.
אונ זאגט, ר׳ חיימיל; איך שווער אייך ביא באָרד אונ פיאות, וויא איך בין א יוד; אז היינט וועט ער זיא גט'ן, אויב נישט געב איך מיין גאנצן לעבין. וואס איך וועל שוין טאהן; דאס איז מיין צאך. אייך צוא ליב וועל איך אלצדינג טאהן, מיין לעבין וועל איך שטערבקן; אט גיה איך שוין ארבעטין ווער גיט אריין צווישען עולם. אונ רופט אוועק ר׳ משהלען אין דער זייט).

זיבענטע סצענע

שמערלע, אונ ר׳ משהלע

שמערלע (זאגט צו ר׳ משהלען) שוין א צייט אז איך בין נישט גיוועזען אין „האצעלע" האב איך געמיינט אז איר זענט זיך שוין צוגויף געקומען מיט אייער זיווג. צום סוף הער איך אז עס איז נאך קיין עק נישט.

ר׳ משהלע. עס וועט מאקע קיין מאהל קיין עק נישט זיין. זיא האט דען אין זינן צוא לעבין מיט א מאן אזוי וויא ביא אידען. זיא קוקט נאר ערגיץ אנדערש.

שמערלע. יא! איך האב עס באלד פאראויס גיזעהן, אז איך בין

נאר

נאר געקומען. דא זאל מיין וועהן אין צרות; זיא האט געהאיסט אז איהר וועט זיין אויף דער חתונה, האט זיא זיך פאר קעמבט אירע אייגענע האר אזוי וויא א בתולה. אונ האט זיך אן גיטאן אויפען קאפ א שפאנפין (א שליאפע, א הוט) אונ א זיידען קלייד מיט איין שלעפ פון דריא ארשין, אונ שטיוועלעך מיט הויכע קנעפעלעך פון פיר ורשקים. איך האב געמיינט אז דאס איז דעם גארדעניטשים ווייב. וויא קומט זיא צו אייך? איר זענט א איד מיט תורה, אונ א מיוחס איינער אין דער וועלט; דארף זיא צו אייך אן קומען, אונ איהר זאלט נישט וויסען פון קיין לעבין. דאס איז נישט פאר אייך;! איהר דארפט האבען א ווייבעל אז זיא זאל זיין א אשת חיל, א בת טובים. אונ איין אשה צנועה. אבער נישט אזא שלימזל; נאר וואס זאל מען רעדען דברים בטלים; הלוואי וואלט איהר זיא נאר געפטערט האב איך פון אייערט וועגין ווייטער א פייערי שדוך; אזוינס וואס וואלט מיר איידינג געדאנקט. אזוינס; וואס איהר וועט אליין זאגען אז עס איז זייער שיין אונ כשר, אונ ערליך. אונ א יפת תואר איינע כמעט אין דער וועלט. איך וועל אייך זאגען ווער דאס איז, איר קענט זיא אויך. מיר זענען אלע אין איינעם גיוועזען ביי ר׳ איציק דעם יחוש אויף דער חתונה. ווייסט איר וועמען איך מיין? חוהלע ר׳ קענדעריל סאסקווערס טעכטעריל; איא. איהר וועט מודה על האמת זיין, אז דא איז קיין שום חסרון נישט. דיא איז איצט א גרושה זיא האט דעם מאן גיגט. עס איז גיוועזען א גאנצע מעשה; הער דער יונגער מאן איהרער איז גיוועזען א בית המדרשניק, א לערנער, אונ איז גיוועזען איין ערליך קינד, האט איהם איר פאטער פינצלינג געשיקט קיין אדעם כתובה איין קויפען. נא! נא! איז שוין רעכט גיוועזען. האט ער זיך אראפ גענומען דיא פאות, אונ האט זיך אן געטאן אין א סערדוק, מיט א פאר לאנגע פאנטאליאנעס, (הויזען) אונ עס איז א יש אוברים; אז מען האט איהם גיזעהען לכבוד שבת רויכערין א ציגאר. אונ זיא איז איין אשה צנועה. האט זיא איהם צוא געצאלט אונ האט גענומען גט, אט אזוינס דארפט איהר האבען, אבער נישט קיין פרינצעסינקע.

(שטילערהייט, עס הייבט זיך גאר ניט אהן).

ר׳ משהלע. וואס קען איך בעסער מאכען? אלצדינג איז מן השמים; וואס קען איך טאהן אז איך האב נישט

געטראפען

געטראפען אין רעכטען ציהל ; ?

ר׳ שמערעלע. ווייסט איהר וואס איך וואלט אייך געראטהען ?
פאלגט מיך און זאגט מיט איהר „הא חליפתי״ ; און הערט אויף געבונדען, וועט איהר זעהען אז איהר ווינט מיר באנקען וויא פיל איהר וועט לעבען. און אויב איהר בשטעהט דערויף. וועל איך מיך אין דעם אביין ליינען אז עס זאל קומען צו איין גמר ; וועל איך רעדען טאקע מיט איהר אליין, און מיטען פאטער. און גיט איהר גט. פטרט א שלימזל !

ר׳ משהלע. דוא מענסט רעדען, איך באשטעהט דערויף, איך וועל זיא גטין, אפילו תיכף. נאר בזה התנאי, אז מען זאל מיר תיכף געבין במזומן צעהן טויזענד רובל. פריהער וואלט איך אפשר ווייניגער גענומען. נאר איצט אז מען האט שוין דער קלענגעבער חתונה געמאכט. איז זיא איבער געבליבען א בת יחידה, וויל איך אז איך זאל גוט בעפרידעגט זיין. און אויב זיא וועלען דרויף בעשטעהען, ניב איך איהר תיכף גט. און דיר דיין שכר טרחא.

שמערעלע. אט גייא איך אין דער אנדערער שטוב אביין, און וועל מיט זיא איבער רעדען, (ער גייט אוועק)

אכטע סצענע

שמערעלע און ר׳ חיימיל, און ר׳ משהלע

ר׳ חיימיל. נא ! ר׳ שמערעלע וואס הערט מען. האט איהר מיט איהם איבער גירעדט ? וועט עפיס ווערען דער פון, וויא פאר שטייט איהר ?

שמערעלע. אויב איך וועל ווירקען ? עס איז נאך א שאלה ? איך בין שוין מיט איהם אויף אוועג. איך האב איהם אביין געלאזט א נוטע פלוי אין דער נאז אביין איך האב איהם שוין פאר ניגעבען א שידוך וואס איז פאר איהם איינס אין דער וועלט ! צו דיא לייט טויג איך ! נאר וואס העלפט עס. ער וויל א סך געלד. ער הייסט זיך געבין מזומנע צעהן טויזענד רובל.

ר׳ חיימיל. דאס איז נאר ? פון געלד איז קיין רעדע נישט. מיינט ער עס נאר ערענסט ? וועט ער קיין חרטה נישט האבען ?
קומט וועל איך מיט איהם אליין רעדען, בעידע גייען אין זאל אביין. און שמערעלע רופט אוועק ר׳ משהלען. ר׳ חיימיל רופט אביין ר׳ משהלען אין א בעזונדער שטיבעל) הערט יונגער מאן ; איך האב זיך געוואלדט אביין ליינען אין שלום צווישען אייך מיט רייזעלען, נאר, עס איז איין אומגליקע זאך. האט מיר שמערעלע געזאגט. אז ער האט מיט אייך גירעדט אזוי וויא איהר זענט א יונגער מאן א למדן ווייסט איהר אז אונזער היילינע תורה האט געשריבען אז בייא אונז יודען איז דא א גט. ובכן אז איהר זאלט ביידע אויף געבונדען ווערין. ווילט איהר רייזעלען גטין, איז עס זייער אגלייכע זאך. זיא וועט זיך גענומען א מאן פון היינטיגער וועלט, און איהר וועט זיך צוא קלויבען א כשר ווייבעל, איין אשה צנועה.

ר׳ משהלע. יא ; עס איז אמת. איך האב גיגעבען מיין ווארט אז
איך וועל איהר געבי תיכף גט. נאר בזה אופען אז מען
זאל מיר געבין דאס וואס איך וויל.

ר׳ חיימיל. לאס איך הערין וואס איהר פערלאנגט ! מי יודע ? וואס
איהר קענט וועלען. אדרבא זאגט מיר.

ר׳ משהלע. פריהער וואלט איך ווייניגער גענומען, נאר איצט אז
מען האט שוין בלין חתונה געמאכט, בלייבט רייזעלע
א בת יחידה. וויל איך צעהן טויזענד רובל, און אז מען וועט מיר
דאס געבען, גיב איך איהר גט תיכף בזו הרגע.

ר׳ חיימיל. מיינט איר עס ערענסט ? וועט איהר קיין חרטה נישט
האבען ? קומט מיט מיר צוא. צום טיש צום פעטער וועט
מען באלד שיקען נאך דיא דיינים, און נאך דעם סופר, און וויא
באלד איר זאגט זייא נאר דאס ווארט, גיב איך אייך איערע
מזומנע צעהן טויזענד קערבליך.

ר׳ משהלע. מען דארף נאך זייא נישט שיקען אט זענען זייא אלע
דא אויף דער חתונה צווישען דעם עולם. אט זיצען
זייא אלע אין עק בייא א בעזונדערין טיש. אז דיא דיינים, און
דער סופר אויך, קומט מיט מיר וועל איך זייא ווייזען דיא האנד

אז איך גיב נט. (פֿריידע גייען צו צום טיש. און ר' משהלע זאגט צוא די דיינים) אט געב איך פאר א גוית דין די האנד, אז איך וועל געבען מיין ווייב גט. אז מען וועט מיר געבען געלד כפי מיר האבען גירעט (ער גיט ר' חיימלין די האנד)

ר' חיימיל. גייט אריין אין זיין שטיבעל, און פֿערזאמט זיך עטליכע מינוט. און קומט צוריק און לעגט א נידער אויפֿען טיש אין א טיכעל געלד, און זאגט צוא ר' משהלען דא האט איהר צוואנציג פֿעקלעך, אין יעדען פֿעקעלע איז אפּ געציילט צו הונדערט האלבע אימפּעריאלען, האט איר דא כסף הכל צוויי טויזענד האלבע אימפּעריאלען. און דעם סופֿר צאהל איך פֿאר'ן גט א הונדערט פֿופֿציג האלבע אימפּעריאלען, און די דיינים געב איך הונדערט האלבע אימפּעריאלען.

ר' משהלע. נעמט און ציילט איבער דאס געלד, איטלעכס פֿעקעלע בעזונדער, און ווארפֿט אוועק די פּאפּירלעך. און זאגט. די שאלעכץ ווארפֿט מען אוועק, און די מאנדלען עסט מען. און צום סופֿר זאגט ער „שרייבט א גט"! דער סופֿר נעמט זיך צום גט שרייבען.

ר' בעריש (קומט צו צום טיש און זאגט) חיימיל! פֿאר וואס האסטו איהם געגעבען צוויי טויזענד האלבע אימפּעריאלען? דו דארפֿסט איהם נאר געבען צעהן טויזענד קערבליך. ביי אונז שטייט היינט דער האלבער אימפּעריאל אכט קערבליך מיט זעכציג קאפּ' דאס איז א חשבון פֿון באלד אכצעהן טויזענד רובל.

ר' חיימיל (ענטפֿערט ר' בערישין) פֿעטער! איך בין נישט קיין חלפֿן. און ר' משהלע איז ביי מיר ווערט דער פֿאר וואס ער איז נישט ארויס גיגאנגען פֿון מענשענס רייד. ער איז איין ערליכער פֿרומער יונגער מאן. דער גט איז פֿערטיג געווארין. האט מען אריין גערופֿען ראזע. און ער האט איר גיגעבען גט. דער עולם שרייט מזל טוב! און ראזע ענטלויפֿט אין איר שטיבעל אריין צוריק. מען האט גיגעבען צום טיש לעקעך און בראנפֿען, און איינגעמאכטס. אלע טרינקען צוא ר' משהלען לחיים! מיט מזל טוב. פֿאר'ן גט. און שטערענע ברוח. (בלי זמר שפּיעלט).

שטערענע שטעלט זיך זינגען

1

ווי א גליקליך זענען אנדערע יודען
דאס מיר האבען א הייליגע תורה
אלע דארפֿען זיי זייער צוא פֿרידען
וואס מען קען אונז נישט האלטען אין דער מורא.

2

אז מאן און ווייב קענען אין איינעם נישט לעבען
און זיי קענען נישט אפּ פֿירען די וועלט
מעג איהר דער מאן א גט געבען
און זיא מעג נעמען וועמען איהר געפֿעלט.

3

בארעכענט נאר ראזעס אונגעהייער גליק
און וואס דאס איז איצט ביי ראזען הערט
זיא האט איצט בעקומען איהר פֿרייהייט צוריק
און וועט שוין קומען צו דעם וואס איר איז בעשערט.

4

נעהמט די נסים ווי א אזוי גאט פֿיהרט
דארף קומען א שלים פֿון יענע וועלט
און עס האט איהם אזוי שטארק גערירט
אז ער האט שפּענדירט אזוי פֿיל געלד.

5

נאר זיין געלד גאר נישט פֿערפֿאלען הערט
ער האט זייער אויסגעקלוגען קלוג.

איהר דארפט דאס נאר גוט באקלערען
וועט איהר ארוים זעהען זייער בייזעס גליק ;

6

ער איז א מילליאנער , יונג , אונד זייער שיין
אונד איז דער שיינער ראזעס א געשוועסטער קינד .
ואס עס דארף ווערען האט ער ארוים גיזעהען
אונד ווער דאס זעהט נישט , דער איז בלינד .

ר' חיימיל גיט שמערעלין צוויי טויזענד רענדליך
ער דינגט ווייטער , אונד דיא כלי זמר שפילען

7

אונד פאר ר' משהלעו איז עס אויך זייער גליך
דאס וועט מען אומעדים לאזען הערין
ער איז א זיידען קינד , אונד איז שוין רייך
וועט שמערעלע זעהן , אז ער זאל באלד א חתן ווערין .

8

אונד דער פאר וואס ער האט אזוי לאנג געהאלטען
אונד ער האט געבעטען נישט געהאט קיין לעבען .
דאס מען אים איצט זייער שטארק אפ גענארט
אז מען האט אים אכצעהן טויזענד רובל גיגעבען .

ר' משהלע גיט שמערעלען א טויזענד געלד אונד געזעגענט
זיך אונד שמערעלע גייט אריין צוא ראזען

נייענטע סצענע

שמערעלע , אונד ראזע

שמערעלע . מזל טוב אייך ראזעניא ! נא ! זאגט וואס בין איך ביי
אייך

אייך ווערט ? אז איהר האט געפטערט דעם חתן . זאגט אליין ,
וויפיל מענשען האבען זיך געפרובט אז ער זאל אייך נעמען , האט
עפיס געהאלפען ? איצט זעהט איהר שמערעלעס ארבעט .

ראזע גייט איבער דער קאמאדע אונד נעמט ארוים פיר פינף און
צוואנציגער אונד א פאר טייערע אויררינג מיט גוטע שטיינער
געפאסט , אונד גיט דאס שמערעלין אונד זאגט איהם , נא דיר אט
האסטו הונדערט רובל געלד . אונד ביין ווייב א מתנה א פאר טייערע
אויררינג , אז דוא זאלסט מיך האבען צוא געדיינקען . אונד חיימיל
האט דיך מן הסתם אויך בעפרידיגט . זאג דעם אמת וואס האט ער
דיר גיגעבען ?

שמערעלע . איהר ווילט אז איך זאל אייך זאגען דעם אמת ? וויא
איך בין א יוד ! אז ער האט מיר נישט גיגעבען נאר
הונדערט האלבע אימפעריאלען (אונ לאכט)

ראזע . זאגזשע שמערעלע ! וואס וועסטו טאהן מיט אזוי פיל געלד ?
ווען ! דוא זאלסט חס נישט משוגע ווערין .

שמערעלע . איהר מיינט אז דאס איז שוין נאר ? איך וועל נאך געלד
גענומען , איך וויל ביי אייך זיין א שדכן אז איר זאלט
גענומען טאקע ר' חיימלין .

ראזע . דוא ביסט שוין משוגע ; דאס געלד האט דיך משוגע געמאכט ,
געפעלט דיר דער איינפאל ; ? טאקע נאר פון א משוגענעם ;
יענער איז א מיליאנער ; אונד איז געקומען אויף א קליינער צייט
צוא אונז צוא גאסט , ווילסטו איהם דא חתונה מאכען ? וואס
מיינסטו אז אין אמעריקא איז קיין מיידליך נישטא ?

שמערעלע ; נא ! זעהט איהר תאטשע איהר זאגט אז איך בין שוין
משוגע , זאג איך אייך אז איך וועל נישט אפ שטיין
פון מיין פלאן , איהר מעגט זיך אויף מיר פאר לאזען . איך האב
א גוטען קוק ; איך האב ארוים גיזעהען אז ער מיינט נאר אייך

ראזע . לאזען זיך דיר אזעלכע זאכען נישט חלומען , דוא מיינסט אין
אמת . ווייל ער האט שפענדירט געלד אויפען גט ? אה !
ביא איהם מאכט עס זייער פיל אוים ! אונד אז ער האט געוואלט
געבען פופציג טויזענד רובל אז איך זאל זיך מיט מיין געוויזענעם

שלימזל

שליסעל צונויף גייען. איך מאקע דאס אליין דארפסטו ברעכען. אז ער זאל זיך אין זינו האבען. נא וואלט ער זיך געוואלט אין שלום צווייען לייגען? אונ זאל ארבייטען אז איך זאל זיך מיט משהלע צונויף גיין? אדרבא! בארעכען אליין.

שמערלע. א סך רעדען נוצט נישט; נאר נידעננקט וואס שמערלע האט אייך איצט געזאגט; אונ איך גייא איך מיט ר' חיימלין דער פון רעדען, חאטשע איר מאכט זיך פר אם שונעגעם.

ראזע. נייא! פון מייגעט ווענין מענסטו רעדע; אפילו צוא דער וואנד. נאס טוהט מען א משוגעגעם. אז ער בייסט זיך איף דיא ווענט? נא! לאז ער זיך דראפען.

שמערלע. אזוי וויא איך בין משוגע גייא איך אין זאל אריין מיט איהם רעדען. (ער גייט אוועק)

ראזע בלייבט אליין, אונ רעדט צו זיך.

עפעס האט מיר דא שמערלע אריין געלאזט א גריל! וואס זאל דאס זיין? זאל איך קלערען אז חיימיל האט מיט איהם דער פון גרעדט? דאס קען נישט זיין. ערשטענס, האב איך פון חיימלין גיט אומיגדעסטען בעמערקט א מיינונג. אונ ווען אפילו אז ער זאל דם יא מיינען, איז ער נישט קיין יונגעלע, ער איז עלטער פון מיר מיט זעקס יאהר, אונ ער איז א פארקאמענער פאכמאנן, א סוחר! א וועלטליכער מענש, אונ א מאן פון א דרייסיגער, וואלט ער זיך פאר מיר נישט געשעהמט, אונ ער וואלט מיט מיר דער פון אליין גערעדט. נאר דאס איז פשוט, אזא שמערלע האט דא אויסגערעכט בעקומען א סך הונגערטער, ווען האט ער דאס גיזעהען? איז ער פאר פרייד שוין האלב משוגע, עס איז אפילו אויף איהם געקומען א כחמנות; ער האט ווייב אונ קינד. ער פארנטעווירט. (זיא גייט אין זאל אריין צו דיא געסט)

נייגטע סצענע, אין זאל

שמערלע, אונ ר' חיימיל

שמערלע זעהט אז ר' חיימיל גייט אריין אין דער אנדערער שטוב, גייט ער איהם נאך, איך האב מיט אייך א פאר ווערטער צוא רעדען; ר' חיימיל! איך וויל בייא אייך נאך געלד נעמען. איך האב פון אייערט וועגין א טייער גישעפט.

ר' חיימיל. פאר וואס דען נישט? לאס איך נאר הערין וואס פר איין גישעפט, אונ נעמט בייא מיר נאך געלד, איהר וועט בייא מיר נישט צו נעמען אין גאנצען מיין פר מעגען. עס וועט נאך בלייבען.

שמערלע. ווייסט איהר וואס דאס גישעפט איז? איך וועל איך אייך זאגען. אזוי וויא איר זענט א גרויסער מיליאנער, וויל איך אייך רעקאמאנדירען א טייערען בריליאנט; אזוינס וואס דא קען עס קיינער גאר נישט שאטצען. עס איז גאר קיינער דערויף קיין שום מבין נישט אין האצעלע. נאר איר קענט זיין א מבין, אונ א קונה.

ר' חיימיל. בייא וועמען געפינט זיך דער בריליאנט, קען מען אים זעהן?

שמערלע. יא! איך איז ער דא אין זאל צווישען דיא געסט. אונ הייסט ראזע; וויל איך זיין א שדכן.

ר' חיימיל (צו לאכט זיך) איר האט זייער רעכט, אונ איהר האט זייער א גוטען קוק. איהר זענט אין אייער פאך דער ערשטער קינסטלער; דאס זאג איך אייך. אונ איר וועט בייא מיר פאר דינגען, נאר קיין שדכן וועט איהר נישט זיין. דער בריליאנט וועט זיין מיינער. איך בין אויף איהם א מבין, אונ עס איז שוין דא א שדכן.

שמערלע (בלייבט שטיין וויא פערזארגט) זאל איך טרעפען ווער דער שדכן איז? אודאי דער דאקטאר! ער וויל אייך אפ דינגען, ברויט פאר ברויט. ווייל איהר זענט גיוועזן דער שדכן פון זיינעט וועגין אז ער זאל נעמען דיא שיינע קביארישקע, א יא!?

ר' חיימיל. ניין! איהר האט נישט געטראפען, איך וועט איר באלד זעהן ווער דער שדכן איז (ביידע גייען אריין אין זאל, אונ ר' חיימיל גייט צוא, צום פעטער ר' בערישען, אונ זאגט) פעטער! אז עס איז יא אזוי, אז ראזע איז שוין פרייא, וויל איך איהר זיין א שדכן (ער קעהרט זיך אום צו ראזען אונ זאגט) ראזע לעב; איך האב פון דיינעט וועגען זייער א גוטען שידוך; ווילסטו נעמען איינעם א יונגען מאן, ער

איז פון אמעריקא, ער הייסט חיים קורלענדער? (דער גאַנצער עולם איז געבליבען זיצען איבער ראשט).

ראזע (לאכט) דוא מיינסט אפשר אז איך וועל ווערין רויט, אזוי וויא קבארע, אז דוא האסט זיא גיפרעגט אויב זיא וועט נעמען דעם דאקטאר? גיין! איך שעהם מיך נישט. איך זאג טאקע יא!

ר' חיימיל נעמט זיין טאשען טיכעל און גיט איהר איין עק און זיא זאגט מקבל קנין. דער עולם ברעכט שאלען. און מען שרייט מזל טוב! ר' חיימיל נעהמט ארויס פון דיזר קעשענע א שאכטעל מיט איין פאר טייערע אירינג וואס אזעלכע דארף מען נייט זוכען אין דער וועלט, דיא טייערסטע בריליאנטען, איטליכער שטיין איז אזוי גרויס גיוועזן אזוי וויא דיא פלאמען, און פון דער אנדערער קעשענע נעמט ער ארויס א פאפיר מיט צוועלף שנור פערל אזוי וויא דיא ניס גרויס, און מיט א טייערער גאלדענער פארמאר מיט דיא טייערסטע בריליאנטען. און נעמט נאך טייערע פינגער רינגען און גיט דאס ראזען, און זאגט איהר נא מיין טייערע ראזע לעב, דאס האב איך אן גיגרייט פון א כבוד'ם וועגין, איצט, איז דאס אלדינג דיינס.

ראזע נימט אוועק דיא מתנה, פארין גאנצען עולם, און פאלט איהם ארום דעם האלז און קושט איהם, און דער עולם האלט אין איין שרייען מזל טוב! ראזע איז זייער א בעריהמטע שיינהייט, און אזוי וויא ער האט זיא בעהאנגען מיט אזא טייערע צירונג, האט זיא אויס גיזעהען פשוט וויא א פרינצעסין.

ר' בעריש (זאגט צום עולם, און צו חיימלין) ווייסט איהר וואס? דיא חופה איז נאך דא, און דיא כלי זמר זענען אויך דא, און שמערעלע אויך, און קיין עין הרע אן עולם; לאז מען טאקע באלד שטעלען איין חופה! באשטעהט איהר דערויף קינדער?

ר' חיימיל מיט ראזען (ביידע) מיר גייען חס ושלום נישט ארויס פון אייערע רייד. וויא אזוי איר זאגט איז פאר אונז רעכט.

ר' בעריש האט א געשריי גיגעבען צוא דיא כלי זמר, כלי זמר שפילט א פריילעכס צוא דער חופה. דיא כלי זמר שפילען, דער עולם טאנצט, און מען פיהרט צוא דער חופה, און עס ווערט אין אנטער שעה א נייער מזל טוב! דער עולם הוליעט, און ר' בעריש זאגט שמערעלין, זאג עפעס;

שמערעלע זינגט און דיא מוזיק שפילט

1

וואס זאל איך זאגען? און וואס זאל איך זינגען?
וואס דא האט פאסירט וועט זיך הערען אין דער וועלט,
וואס היינט איז פאר געקומען וועט דיא וועלט קלינגען,
אין איין טאג א גט; און מען האט צוויא חופות גישטעלט.

2

האט מען נאך אזעלכעס אין דער וועלט גיהערט?
אז דער חתן זאל זיך אליין זיין א שדכן?
און וויא פיין דאס איז געווארען באקלערט.
מען דארף שוין נישט קיינעם נאר מוזיק און א כהן.

3

א שדכן איז גיוועזן טייערע בריליאנטען, און פערל,
דער מיט קען מען וואס מען וויל נאר אליין מאכען.
וואס טויג שוין א שדכן א טראסטינעצער שמעריל?
צו מען האט בענויצט אזעלכע טייערע זאכען?

4

נאר שמערעלע טראסטינעצער טאר זיינס נישט פערליהרען.
חאטשע דער חתן האט איהם נישט געוואלט בעניצען.
לאז ער נאר וועלען מיט זיך דיא כלה אוועק פיהרען
דערמאלט וועט ער זעהען, וויא ער וועט ביי מיר שוויצען.

ר' חיימיל גיט איהם צוואנציג רענדליך, און זאגט איהם נא; טשעפע זיך אפ; שמערעלע הערט ניט. ער זינגט)

5

אז מען האט דעם סופר פופציג רענדליך פארען גט גיגעבען.
און דיא עדים האבען צוא געגומען הונדערט שטיק.
פרעגט זיך, וואס איז טייערער א גט; צוא א פריש לעבען?
זאגט אזעלכעס איז בעסער? און וואס איז מעהר גליק.

6

ענטפערט מיר נאר אויף דעם וואס איך וועל אייך פרעגען.
אז איהר זאלט מיך געוועזען שיקען איך זאל דאס אויס פירען.
וואלט איהר מיר דען נישט גיגעבען א גאנץ פערמעגען?
איצט פרעג איך אייך פאר וואס זאל איך מיינם פערליהרען.

(ר' חיימיל גיט איהם נאך צוואנציג רענדליך אונ זאגט אים נא; וועט שוין זיין גענוג? ער הערט ניט אונ זינגט)

7

אז דער וואס לעבט איביג וויל צוויא מענשין בעגליקען
ווייסט מען נישט וויא אזוי עס האט זיך געמאכט
ער ווייסט שוין וויא, אונ וועט צוא צו שיקען.
דאס וואס קיינער האט קיין מאהל נישט געטראכט.

8

בעמערקט וואס עס טרעפט זיך, ווער קען עס פערשטיין?
זעהט וואס עס פאסירט. צוא קען עס עמיצער באקלערין?
ער איז פלוצלינג געקומען, זעכצעהן יאהר האט מען אים ניט געזעהן.
דארף זיך ראזע נעהין, אונ ער זאל איהר מאן ווערין.

(ר' חיימיל גיט איהם נאך דריי טויזנד געלד אונ זאגט איהם. איצט זינג וויא פיל דוא ווילסט דער עולם הוליעט)

ר' בעריש (זאגט צום עולם) זעהט מענשען בעמערקט נאר; וויא אזוי דער וואס לעבט איביג פיהרט זיין וועלט, צוא קען דאס נאר א מענש פאר שטיין? זעהט וואס דא האט זיך איבער געטאהן; חיימיל איז אוועק א יונגעל, אונ זעכצעהן יאהר האט מען פון איהם נישט גיהערט. דער ווייל איז ער דארט געווארען א מיליאנער, גאט האט איהם בעגליקט, אונ דער פאר האט מען פון איהם נישט גיהערט, אזוי פיהרט זיך די וועלט. ווארום אז עס זאל איהם שלעכט זיין וואלט ער אלע מאל געשריבען. דער ווייל האט ער אונז געוואלט איבער ראשען, אז ער זאל צוא אונז אן קומען נאר אומגירעכט. דארף דאס מיינער איין אלטער גוטער פריינד דער הערין, אונ ער זאל
מיר

מיר פריהער שרייבען אז חיימיל וועט קומען צוא אונז, כדי אז מיר זאלען זיך אויף איהם רעכטען. הער, דער מיליאנער דארף זיך אויפהערען באקענען מיט א יונגען מאן א דאקטאר, אונ די ביידע זאלען זיך ליב בעקומען אזוי וויא צוויא ברידער. אונ ביידע פארען אין איינעם צוא אונז צו נאסט. אונ אז וויא זענין אן געקומען בשלום צום באהנהאף נישט ווייט פון האצעלע, דארף זיך טרעפען א סבה, אז מען זאל א קינד איבער פארען, בלייבט שוין דער דאקטאר איבער ביים באהן אז ער זאל געבען דעם קינד העלפען, אונ חיימיל פאהרט דער ווייל אריין קיין האצעלע. אונ ער גירייכט גוט מיין הויז וויא איך האב פריהער געוואהנט וואס איך האב ר' נחמנין פערקויפט. קומט ער אריין גאנץ פריה ווען ר' נחמן שלאפט, אונ די לאדען זענען צו, וועקט ער איהם פענסטער שטייט אויף. אונ עס דארף אלין פאסען איינם צום אנדערין. גייט שיינדעלע ר' נחמנס ווייב מיט דער דינסט אין מארק אריין. אונ איידער זיא איז אוועק געגאנגען האט זיא ניט געזעהען אז דער אלטער שלאפט, האט זיא זיין גאלדען זייגעריל אראפ גענומען פון דער וואנד, אונ די זילבערנע לייכטער פון דעם טיש, אונ האט עס בעהאלטען אין קאמאדע אריין, כדי אז עמיצער זאל עס נישט צוא גנבענען. אז חיימיל האט עטליכע מאהל געטארעט ר' נחמנין אונ האט איהם אויף גיוועקט, אונ ער האט דער זעהן אז עס שטייט נעבען איהם א פרעמדער יונגער מאן, אונ ער האט זיך ארום געקוקט אז זיין גאלדען זייגעריל מיט די זילבערנע לייכטער זענין נישטא, האט ער געמאכט א געוואלד א גנב! אונ מען האט גיבראכט דעם גאראדניטשע מיט דיעסיאטניקעם, ערשט ביז שיינדעלע איז געקומען פון דעם מארק האט מען גיזעהען וואס דא איז פאר איין טעות.

דער ווייל אונטער דער צייט וואס מען האט דארט חיימלין פאר האלטען אלס גנב. איז דער דאקטאר אריין געפארען קיין האצעלע אונ האט זיך אן גיפרעגט צוא אונז, אונ איז גלייך פאר פארען. מיר האבען ארוים געקוקט אויף חיימלין, איז דאס מן הסתם חיימיל ווערט א געקושעבייא, אונ ער קוקט אונז אן וויא די משוגעים אונ אז ער האט אונז געזאגט אז ער איז נישט חיימיל, האט מען איהם נישט געגלויבט. שפעטער אין א פאר שעה קומט חיימיל, גלויבט מען איהם אויך נישט אז ער איז חיימיל. ביז עס האט זיך ארוים געוויזען דער רעכטער אמת, ערשט אז ער איז אויף געטרעטען [illegible] וויא א מיליאנער. ר' בעריש קערט זיך אום צוא
ראוש

ראזע. ראזע לעב! זאג מיר וויא הייסט דער מחבר פון דעם „עלטערנלאזעם ברית" און פון דעם „לעבעדיגען יתום"?

ראזע. ער הייסט אולריך קאלמוס, און ער וואוינט אין א דעם אין זיין אייגען הויז אויף דער מאסקווער שטראזע 60 א. א קענע וואס פרעגסטו פאטעניו אויף דעם שריפטשטעלער?

ר' בעריש. איך וועל דיר זאגען מיין קינד וואס איך פרעג אויף איהם. אז מיר וועלען פאהרען דיך מיט חיימלין בעלייטען. וועלען מיר פאהרען דורך אדעם זאלסטו מיך דער מאנען וועל איך מיך מיט איהם זעהען. און וועל איהם ערציילען די גאנצע געשיכטע. און וועל איהם בעטען אז ער זאל דער פון מאכען אין „טהעאטער". און דאס איז איין וואהר טעהאטער. „פון דער חופה צום גט". און פון דעם גט צוא דער חופה" און וויא טרעפט זיך דאס אין „האצעלע"!.

שמערעלע: איצט בארפען ערשט אלע מחותנים הוליען! ערשט איצט בארף זיין די אמתדיגע שמחה! ווארום מארגען פריה פאהרען זייא שוין אוועק. נער שפיעלט מוזיק! שפיעלט פריילעכס!

אלע צוזאמען זינגען

1

מזל טוב! מזל טוב! טייערע חתן כלה!
מיר ווינשען אייך א גליקליך לעבען
א גליקליך לעבען ווינשען מיר אייך אלע.
און דאס וועט אייך אדאי גאט געבען.

2

נאך דעם היינטיגען טאג וועלען מיר אלע בעדענקען
נען קען ביי אונז אנעלכעם פאסירען?
דעם היינטיגען טאג וועלען מיר האבען צו גידענקען
און מיר בעדויערען זייער וס מיר מוזען אייך פערליהרען

3

אר מיר האפען אז מיר וועלען האבען דאס גליק
אז איהר זאלט אונז נישט אויף תמיד אוועק ווארפען.
מיר האפען אז איהר זאלט באלד קומען צוריק.
און מיר זאלען נישט לאנג בענקען בארפען.

זייער * ראששענד

מיר האפען צוא האבען דאס גליק.
אז איהר זאלט באלד צוא אונז קומען צוריק.
מיר האפען צוא האבען דאס גליק,
אז איהר זאלט באלד צוא אונז קומען צוריק.

דאס פאר פאלק, ביידע

1

אייער פריינד שאפט האט אונז געריהרט,
מעהר פון אלע אונזערע וויכטיגע זאכען.
אייער וואונש. האט איהר שוין אוים געפיהרט,
מיר וועלען באלד אין אמעריקא זין־ענדע מאכען.

2

מיר קענען אייך אונזער ערענווארט געבען
אז מיר וועלען נישט לאנג בלייבען דארט.
דאס שווערין מיר ביים גליק, און ביים לעבען.
דערויף געבין מיר אייך דאס הייליגע ווארט.

3

מיר וועלען אי"ה גיך און באלד קומען צוריק
דערויף האט איהר אונזער הייליג ווארט.
מיר שווערען בייא אונזער לעבען, און ביים גליק
אז מיר קומען צוריק אויף דעם געמליכען ארט.

אלע נעכט זינגען ראששענ׳

מיר ווינשען אייך צוא אויפען ווען פיל גליק
אונ גאט זאל אונז אלע דער מיט בעגליקען ·
אז איהר זאלט באלד גליקליך קומען צוריק ·
אונ דער מיט וועט איהר אונז אלע דער קוויקען :

(דאס ווערט צווייא מאהל געזונגען)

דער פארהאנג פאללט

ע נ ד ע

שְׁמֶערֶלֶע טְרָאסְטִינֶעצֶער

טְהעאַטֶער

אִין דְרֵייא אַקְטֶען

פערפאסט פון אולריך קאלמוס און [illegible]

(מחבר פונ'ם וועלטענעם בריף)

הוצאות סכרתי לצמיתות לאחים ר' חיים
ור' פרץ בלאסניצקע

ווארשא

שנת תרמ"ג לפ"ק

ШМЕЙРЕЛЕ ТРОСТИНЕЦЕРЪ

Комедіе Въ 3-хъ Деиствахъ

Сочиненіе Улриха Калмуса

Въ Типографіи И. О. Алапина

Налевки № 41.

Варшава 1883 г.

2/10463